STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11757

BLETER FUN MAYN ALBOM

Efraim Shreier

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים שרײַער

בלעטער פון מײַן אַלבאָם

געווידמעט דעם אָנדענק

פון מײַן שוועסטער ג י ט ש ע

אפרים שרײַער

בלעטער פון מײַן אַלבאָם

DEN
PUBLIC L

AUG 1982

CITY & COUNTY OF DENVER

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב 1978

R01124 41580

EFRAIM SHREIER

BLETER FUN MAIN ALBOM

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

אַ האַרציקן דאַנק מײַן חבר שלמה אָסאָװסקי
פאַר זײַן הילף בײַם צוגרײטן דאָס בוך צום דרוק

839 .098 S378bL YIDDISH
Schreier, Efraim.
Bleter fun main albom /

©

Printed in Israel 1978

דפוס „להב״ בע״מ, טלפון 36564

אינהאַלט

7 מאַנדלבליטן

16 פון צווישן דער צוויַיגנגנעץ

23 אין אַ מיַיטאָג

30 ייִדישע אויגן

39 טעססאָ

44 געטראָטענע רויזן

52 בליקן וועלכע באַגלייטן

60 די פרוי אין וויַיסן

67 דער ליידיקער אַלבאָם

75 AVE MARIA

82 די ציגיַינערין

92 דריַי חן־פּעפּערלעך

100 טראָפּנס טוי

מאַנדלבליטן

פון יענעם טאָג, ווען אין קלאַס האָט זיך באַוויזן די לערערין פון צייכענען, פרײַלין קריסטינאַ, איז מיר ליב געוואָרן די שול, וועלכע איך פלעג האַסן, באַזונדערס די לעקציע פון חשבון. אַלץ וואָס מעגלעך, פלעג איך בעטן זאָל פּאַסירן, אַבי דער לערער פון חשבון זאָל נישט קומען.

זינט דאַן פלעג איך מיט אומגעדולד אָפּוואַרטן די איינציקע שעה אין דער וואָך, דאָנערשטיק, אַז די לערערין קריסטינאַ זאָל זיך באַווײַזן.

זי איז געווען נישט קיין הויכע, אַ הײַטערע אין אירע יוגנטלעכע באַוועגונגען, געשווינד אין גאַנג, אַ באַחנטע מיט אַ שטיל קלינגענדיקער שטים. על־פּי רוב פלעגט זי קומען אָנגעטאָן אין אַ הויכער, ביזן האַלדז געשלאָסענער ווײַסער פּיקענער בלוזע, ענג געפּאַסט צו איר פולברוסט, און אין אַ פּליסירטן ראָק, אין גראַנאַט־קאָליר, געגאַרטלט בײַ דער שמאָ־

לער טאַליע. אויף אירע קליינע אויערן־לעפּלען זענען געווען אָנגעהאָנגען אויעררינגען, פּערל־מאַטע קײַלעכלעך. דער שרונט פון אירע גלאַט געקעמטע טונקל־בלאָנדע האָר — פּעדאַנטיש געטיילט, און די צעפּ אויסגעבונדן אין דער פּאַ־רעם פון אַ קויש. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן איר אויסזען שילערישן חן.

נישט איבעריק רעגולער זענען געווען אירע געזיכטשטריכן, ס׳האָט אָבער פון איר אַראָפּגעשײַנט באַהערשטקייט, אינטע־ליגענץ און לויטערקייט.

גלײַך בײַ איר אַרײַנקומען אין קלאַס האָט דער טומל פון די שילערס אויפגעהערט. זי האָט סוגעסטירט אַ פײַערלעכע שטילקייט, געווירקט מיט איר צניעותדיקער שיינקייט. אַפילו ווען ס׳פלעגט טרעפן, אַז פרײַלין קריסטינאַ האָט זיך געבייזערט, איז געגנוג געווען צו זען אירע צעשמייכלטע אויגן און גוטמוטיק געזיכט — אַז קיינער זאָל נישט נעמען ערנסט איר רוגזה.

רויִק, געלאַסן, מיט אַ שטילער צערטלעכקייט פלעגט זי זיך ווענדן צו די שילערס. זי פלעגט ממש פליסטערן יעדעס וואָרט:

— „קינדער, זײַט אויפמערקזאַם צו דעם וואָס איך זאָג, איך בעט״, — האָבן פּערלדיק געקלונגען אירע ווערטער.

נאָך מײַן חבר רוסינעק, האָב איך זיך גערעכנט צו די בעסטע שילערס פון צייכענען, פלעגט דעריבער די לערערין ווידמען פיל אויפמערקזאַמקייט מײַנע אַרבעטן. אָנגענעם, צע־טומלט און פאַרשעמט האָב איך זיך געפילט ווען זי פלעגט צוקומען צו מײַן באַנק באַטראַכטן, מסביר זײַן אָדער פאַר־ריכטן. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן לעבן מיר, אָדער זיך אָנבייגן איבער מײַן קאָפּ. די אַראָפּהענגענדיקע קײַלעכלעך פון אירע אויעררינגען האָבן, באַמבלענדיק זיך, באַרירט מײַן געזיכט.

כ'האָב ליב געהאַט צו פילן איר נאָענטקייט, אײַנאָטעמען דעם אַראָמאַט פונעם מאַנדלבליטן־פּערפום, וועלכן זי פלעגט באַנוצן.

זי פלעגט אונדז לערנען ווי צו האַלטן אַ בלײַפעדער אין האַנט, מסביר זײַן ווי אַזוי שפּאַרזאַם און אין פּראָפּאָרצן אויסנוצן אַ באַגרענעצטע מאַלערישע פלאַך, ווי אַנדיײַטן, פּלאַסטיש אַרויסברענגען די שאָטן־ווינקלען פון צווישן די בלעטערפּאַלדן בײַם צייכענען אַ בלום, באַזונדערס רויזן.

בעת זי האָט צו עמעצן גערעדט, פלעגט זי אים קוקן גלײַך אין די אויגן. מיר איז שווער געווען צו פילן אויף זיך די דורכדרינגלעכקייט פונעם טיפן בלוי אין אירע אויגן. פלעג איך אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און קוקן אויף די ווייכע ראָזע קיִ־שעלעך פון אירע שפּיץ־פינגער. דאָס האָט געשאַפן בײַ איר דעם אײַנדרוק, אַז איך הער זיך נישט אײַן אין אירע רייד, פלעגט זי אַדורכשטרײַכן מיט אירע פינגער איבער מײַן קאָפּ און צוגעבן אין שפּאַס: „איך רעד און דו טראַכטסט, ווי הערט מע שוין דעם קלונג.״

אַז פרײַלין קריסטינאַ האָט מיט עמעצן גערעדט אָדער איז צוגעגאַנגען צו אַ שילער ווידמען אים איר אויפמערקזאַמקייט, פלעג איך ממש לײַדן, צאַרענען פון אייפערזוכט. וואָס ווײַטער אַלץ מער האָט מיך געפּײַניקט איר אָפּוועזנהייט. איך בין געווען באַהערשט פון אַ בענקעניש און אַ באַגער האָט גענאָגט זי צו זען. דמיונות און שלאָפּלאָזע נעכט פלעגן מיך פּײַניקן. אין די זונטיק־טעג פלעג איך אָפּוואַרטן די צײַט, ווען זי איז געגאַנגען אין קלויסטער צו דער זונטיק־מעסע און באַגלייט מיט די בליקן יעדן טראָט אירן. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז נאָך וויִניקער ווי פריִער האָבן מיך אינטערעסירט די איבעריקע לעקציעס.

איין מאָל איז צו מיר צוגעקומען די לערערין, דיסקרעט מיך אַוועקגערופן אין אַ זײַט און איבערגעגעבן, אַז זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך פֿאַרנאַכלעסיק די לימודים און באַזונ־דערס באַקלאָגט זיך אויף מיר דעמביעץ, — דער לערער פֿון מאַטעמאַטיק.

כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געהערט און געשוויגן. דאָס פּנים — האָב איך געפֿילט — ברענט מיר פֿאַר בושה. זי ווייסט, — האָב איך געטראַכט, — פֿון אַלץ. האָב איך פֿאַר־לוירן בײַ איר מײַן אָנזען?

די לערערין האָט באַמערקט מײַן פֿאַרלוירנקייט און פֿאַר־שעמטקייט, האָט זי אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויף מײַן אַקסל און שטיל, ווי אַ סוד, מיר אײַנגערוימט: — „עס מאַכט נישט, ס׳איז ערשט דאָס ערשטע האַלבע יאָר, האָסט צײַט זיך צו פֿאַרבעסערן, נעם זיך פֿלײַסיק צום לערנען"... איר מוטערלע־כע צערטלעכקייט האָט פֿאַרטיפֿט מײַן ליבשאַפֿט צו איר.

איך פֿלעג אָפֿט טראַכטן, ווי אַזוי אויסצודריקן איר מײַן דאַנקבאַרקייט, מײַן ליבשאַפֿט. איז מיר אײַנגעפֿאַלן: דערוויסן זיך ווען ס׳איז איר געבורטסטאָג און קויפֿן איר אַ מתּנה. די המצאה אַליין האָט מיך דערוואַרעמט.

אַ האַלב יאָר פֿריִער האָב איך אָנגעהויבן צו מאַכן די הכנות צו דעם. געזאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און געטראַכט און געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי דעם געשאַנק איר איבערגעבן: אַליין, אָדער דורך עמעצן, און ווי אַזוי וועט זי דערויף רעאַגירן?

אין דער דאַטע ווען ס׳איז אויסגעפֿאַלן איר געבורטסטאָג האָב איך דורך אַ ייִנגערן שילער איר איבערגעגעבן מײַן גע־שאַנק: אַ קאָמפּלעט פֿאַרבן, פּענדזלען און אַ פֿאַרבן־פּאַלעט־

רע אין דער פאַרעם פון אַ האַרץ, וואָס איך האָב אַליין אויסגעשניצט און באַדעקט מיט פּאַליטור.

דער שילער איז אַרײַן מיט מײַן מתּנה צו איר אין צימער און איך אַליין בין געבליבן וואַרטן אין קאָרידאָר.

אין געציילטע מינוטן האָט זיך אין טיר באַוויזן מײַן לערערין אַ פריידיק צעשמייכלטע, אָנגענומען מיך בײַ דער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— שעמסט זיך, דו?

נישט אויסהערנדיק אַפילו מײַנע קוים אַרויסגעשטאַמלטע ווערטער, האָט זי מיך אַרײַנגעפירט צו זיך אין צימער, געבעטן זיך זעצן און צוגעברענגט אַ שטיק טאָרט מיט הייסן קאַקאַאָ. אַן אינערלעכע צופרידנקייט האָט מיך באַהערשט און אַ גע־פיל, אַז פון איצט וועל איך געווינען איר פולע אויפמערק־זאַמקייט.

*

יאָרן זענען פאַרבײַ. אין דער צײַט האָט די לערערין פאַר־לאָזן מײַן שטאָט, נאָר אין זכרון איז געבליבן דרימלען אַן אָנגענעמער עפּיזאָד פון די פאַרגאַנגענע יאָרן אין פאָלקס־שול. אָבער די צײַט פאַרבלאַסט און מאַכט פאַרגעסן.

*

אין יאָרן אַרום איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אַ געוויסע צײַט אין בריסק.

דאָס איז געווען אין די פרײַע מיטאָג־שעהען. כ'בין געזעסן אין אַ רעסטאָראַן. קעגן איבער מײַן טיש איז געזעסן אַ פרוי איינע אַליין. איר געזיכט איז מיר פאַרגעקומען קאָנטיק, אָבער גלײַכצײַטיק האָט זי מיר נישט דערמאָנט קיינעם פון מײַנע

באַקאַנטע. זי האָט קענטיק באַמערקט ווי איך בליק זיך אײַן אין איר, זי האָט אָבער נישט רעאַגירט. דאָס האָט נאָך מער באַקרעפטיקט מײַן צווייפל, צי איך האָב זי ווען עס איז געזען.

דער נײַגער האָט אָבער גובר געווען. איך האָב זיך פאַר איר אַנטשולדיקט און פאַרפירט אַ שמועס.

— איר האָט אַ טעות, — האָט זי מיט זיכערקייט געזאָגט, — כ׳געפין זיך דאָ ערשט צוויי חדשים, כ׳האָב נאָך נישט קיין באַקאַנטע. אויך אײַך זע איך צום ערשטן מאָל, איך האָב גראָדע אַ גוטן וויזועלן זכּרון.

ווי איך האָב נאָר דערהערט איר שטים און באַמערקט דעם ריווח, וועלכער טיילט פונאַנדער אירע צוויי פאָדערשטע ציין, האָט גלײַך אויפגעבליצט אין מײַן זכּרון איר געשטאַלט, — מײַן לערערין!

באַמערקנדיק אויף מײַן געזיכט די פּלוצעמדיקע איבערראַשונג, האָט זי שפּאַסיק אַ פרעג געטאָן:

— וועמען דערמאָן איך אײַך?

— זענט איר נישט פרוי קריסטינאַ?

— יאָ, ריכטיק. מײַן נאָמען איז קריסטינאַ, האָט זי באַשטעטיקט, נישט אָפּווענדנדיק דערבײַ, — ווי איר געוווינהייט איז געווען, — פון מיר אירע בליקן. דער זעלביקער טיפער אויגנבלוי, איר געזיכט עטוואָס פולער, רונדיקער, רײַפער און אויך אינטערעסאַנטער. איינציק איר פריזור איז געווען אַנדערש, קורץ געשניטן.

— זאָגט, — איך בעט אײַך, — האָט ווי דאָן, צו די קינדער אין שול, געקלונגען איר שטים, — ווער זענט איר, פון וואַנען קענט איר מיך?

— איך בין אײַער געוועזענער שילער און איר מײַן לערערין.

— שילער האָב איך געהאַט פיל. דאָ אין בריסק איז שוין מײַן דריטער שולפֿאַסטן.

— דערמאָנט איר אײַך אַ שטעטל טלומאַטש?

— טלומאַטש, — האָט זי אונטערגעכאַפּט, — געוויס, דאָרט האָב איך באַקומען מײַן ערשטע לערער־שטעלע נאָכן פֿאַר־ענדיקן דעם סעמינאַר. ווי רופט מען אײַך?

— מײַן נאָמען וועט אײַך גאָרנישט זאָגן.

— אַ ווײַלע, זאָגט נישט. — זי האָט אָנגעשטרענגט, לענגער מיך באַטראַכט, ווי זי וואָלט זיך אין עמעצן דערמאָנט, — זענט איר נישט רוסינעק?

— רוסינעק איז ווירקלעך געווען מיט מיר אין דעם זעלביקן קלאַס.

— איך דערמאָן זיך שוין, איך ווייס. איך פריי זיך אײַך צו זען. וווּנדערלעך — האָט זי אין איין אָטעם פאַרגעזעצט — ווי אַזוי האָט איר מיך נאָך אַזוי פיל יאָרן דערקענט? האָב איך זיך נישט געענדערט?

— געענדערט? געוויס! איך געדענק אײַך ווי אַ דערוואַק־סענע און איצט זע איך פאַר זיך אַ יונגע, שיינע דאַמע.

— אַ דאַנק. אויך די גרונטשטריכן פון אײַער געזיכט האָבן זיך נישט פיל געענדערט.

— איר מיינט צו זאָגן — געבליבן בײַם קינדערשן אויסזען? איר מעגט מיר זאָגן דו. — איר זענט נישט מער מײַן שילער און איך נישט אײַער לערערין.

— איך בין נישט אײַער שילער, איר אָבער זענט געבליבן מײַן באַליבטע לערערין.

— אויפריכטיק?

— גלייבט איר נישט אין דער מעגלעכקייט, אַז אַ שילער קען ליבן זײַן לערער?

— געוויס, עס טרעפט, אַז אויך לערער אַבטעט מען. — זעלטן, אָבער עס טרעפט.

— איך גלייב, אַז איר האָט נישט ריכטיק פאַרשטאַנען מײַן פראַגע?

— איך האָב פאַרשטאַנען אײַער פראַגע, אויך דאָס טרעפט, — האָט זי אַקצענטירט — אַז שילערס ליבן זייער לערערין.

— אויב מײַן זכרון פאַרפירט מיך נישט, זענען בײַ אײַך די זעלביקע אויערריינגען, פערל־מאַטע, קײַלעכדיקע, צו צוויי אין יעדער זײַט. איר באַנוצט, — שפּיר איך, — דעם זעלביקן פאַרפום — מאַנדלבליטן־אַראָמאַט.

— אויך דאָס האָט איר פאַרגעדענקט?

מײַנע ווערטער האָבן זי גערירט. לאַנגע מינוטן האָבן מיר ביידע געשוויגן. דאָס שטילשווײַגן האָט איבערגעריסן דער קעלנער, וועלכער האָט דערלאַנגט דעם חשבון.

*

כ׳האָב זי באַגלייט אַהיים. מיר זענען געגאַנגען לענג־אויס דער אַליי.

ווען ס׳האָט זיך געעפנט די טיר פון איר צימער, האָב איך זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויף דער שוועל. ס׳האָט מיר אויסגעוויזן, ווי כ׳וואָלט אין דעם צימער שוין אַ מאָל געווען. ס׳האָט מיר גלײַך דערמאָנט איר צימער אין טלומאַטש, אין דער געבײַדע פון לערער־סעמינאַר, בעת כ׳האָב איר דערלאַנגט מײַן מתּנה. דער זעלביקער סדר, דער זעלביקער סטיל פון אײַנאָרדענען יעדעס ווינקעלע, די זעלביקע שטוב־אַט־מאָספער.

אַרײַנקומענדיק אין שטוב האָט מײַן געוועזענע לערערין מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און צוגעפירט אין אַ ווינקל

נעבן אַ וואַנט אויף וועלכער ס׳זענען געהאָנגען האָלץ־שני־צערײַען, סקיצן אַלערליי.

— איר זעט דאָרט, — האָט זי אָנגעוויזן, — איר דערקענט ?

כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט און דערזען מײַן פּאַלעטרע, אויסגע־שניטן אין דער פאָרעם פון אַ האַרץ, מײַן מתּנה צו איר נאָ־מענטאָג, און אויף איר מײַנע איניציאַלן.

מיר זענען געזעסן און גערעדט, געפּלוידערט, אויסגע־פרעגט און דערציילט, דערמאָנט לערערס, — אירע באַקאַנטע פון שטאָט. אין מײַן דמיון האָט אויפגעהעלט יענע ווײַט־ווײַטע פאַרגאַנגענהייט: די קינדהייט, די שולבאַנק, מינוטן פון פרייד און פאַרדראָס. ווי נאָענט האָט זיך אויסגעוויזן צו זײַן צו זיך דער נעכטן און דער הײַנט.

פאַרנאַכטיקע גרויקייט האָט אָנגעהויבן אַרײַנבליקן אין די פענצטער דורך די דורכזיכטיקע פירהאַנגען, ווי אַ סימן אַז מען דאַרף זיך גרייטן אין וועג, זיך געזעגענען און אַוועקגיין. זי האָט מיר אַרויסגעהאָלפן, געבעטן מיך בלײַבן אויף אָוונט־ברויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וויפל מאָל עס קומט מיר אויס זיך אָנצושטויסן אויף מאַנדלבליטן, שפּירן זייער גערוך, לעבט אין מיר אויף די גע־שטאַלט פון מײַן לערערין קריסטינאַ.

פון צווישן דער צווייַגנגעץ

בּרילינג־פאַרנאַכט, איך בין געזעסן בייַם אָפענעם פענצטער, מחיהדיקע ריחות האָבן זיך געטראָגן פון די צעבליטע אַקאַציע־ און בעז־ביימער. אַן אָראַנזש־פיאָלעטער אָפּשייַן האָט באַקרוינט די בליטן. אַ טויבער ווידערקלאַנג האָט זיך געהערט פון די ווייַטע קלויסטערגלאָקן.

פון צווישן דער צווייַגנגעץ האָט מען געזען די שטאָטישע אַפּטייק מיט אירע גרויסע פראָנטפענצטער. אין איינעם פון די פענצטער האָב איך דערזען אַ פרוי, וועלכע כ׳האָב ביז איצט נישט באַמערקט. אַ גאָלד־שפּילעוודיקער אָפּשייַן פונעם זונפאַרגיי איז אַרומגעשוועמען איבער דער שויבפלאַך און באַשווערט צו זען די געזיכטשטריכן פון דער פרוי. קענטיק — האָב איך געטראַכט — אַ נייַע פאַרמאַצעווטין.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און דער שייַנרעפּ־לעקס איז פאַרשוווּנדן פון דער שויב. כ׳האָב קוים באַוויזן צו

באַמערקן איר אויסזען און די נאַכט האָט פאַרווישט די לעצטע קאָנטורן פון איר געשטאַלט.

זינט יענעם פאַרנאַכט האָט מיך באַהערשט אַן אינערלעכע צערודערטקייט, אַ תשוקה האָט געפאַנגען מײַן געמיט, עפּעס אַן אינטימע בענקשאַפט. איך פלעג אַלץ עפטער פאַרבײַגיין די אַפּטייק, פאַרגנבענען אַ בליק אין פענצטער און יעדעס מאָל ווען כ׳פלעג זיך באַגעגענען מיט אירע בליקן, פלעגט אַ וואַרעמער שטראָם פאַרגיסן מײַן געזיכט. דאָס אומבאַשטימטע, אַנאָנימע געפיל האָט פאַרמאָגט רייץ, געוועקט נײַגער. דאָס אַלץ האָט אָבער נאָך מער צעצונדן דעם נאָגנדיקן באַגער נענטער צו באַגעגענען די פרוי. איר אָפּוועזנהייט בײַם פענצטער האָט אָנגעהויבן אַפילו אַרויסרופן בײַ מיר פאַרדראָס און אייפערזוכט. די פענצטערראָם אָן איר איז בײַ מיר אויסגעקומען ווי אַ ראָם אָן אַ בילד.

*

כ׳האָב פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון דער אַפּטייק, און אַ שוואַכער קלונג פון דעם טירגלעקל האָט איבערגעריסן די שטילקייט. כ׳האָב אַפילו נישט געהערט די אייגענע טריט אויפן ווייכן געבעט. אין דער אַפּטייק איז זי געווען אַליין. פון די באַגלאָזטע שאַפּקעס האָבן אַרויסגעבלאַנקט קליינע און גרויסע פלעשלעך און פּאָרצעלײַ־סלויעס פון פאַרשידענע סאָרטן און גרייסן. אויף איין שאַפּקעלע איז געווען געצייכנט אַ גרינער טויטנקאָפּ. דער וואַנטזייגער האָט אויסגעשלאָגן די שעה. איבערן זייגער — אַ פיגור פון אַ נזיר.

— ביטע, מיט וואָס קען איך אײַך דינען? — האָט די פרוי מיך העפלעך געפרעגט.

איך האָב מיט אַ ספּאַזם אין האַלדז אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ רפואה.

— ליידער, דאָס קענט איר באַקומען נאָר אויף אַ רע־צעפּט, — האָט זי לאַקאָניש געענטפערט.

כ׳בין געבליבן שטיין ווי אַ גולם, די אויערן זענען ווי פאַר־שטאָפּט געוואָרן. פון וואָס אָנהייבן?

— דאָס אַלץ, — האָט זי געפרעגט?

— דאַכט זיך, — האָב איך באַמערקט, וועלנדיק ראַטעווען די נישט־באַקוועמע סיטואַציע, — אַז איר זענט דאָ אַ נײַע, נישט לאַנג געקומען?..

— יאָ, — האָט זי אַקצענטירט, — נישט לאַנג אַהער צו גע־קומען, און אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, האָט איר געהאַט די געלעגנהייט זייער אויפמערקזאַם מיך צו באַמערקן. די ווערטער אירע האָט זי באַגלייט מיט אַן איראָנישן, אָבער דערבײַ אויך גוטמוטיקן שמייכל. לעכערלעך און נאַריש בין איך זיך אַליין פאָרגעקומען אין יענעם מאָמענט.

די פרוי האָט אויסגעזען אויף אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק. אירע שוואַרצע האָר האָבן זיך ערטערווײַז שוין געזילבערט. אַ גרינלעכער רעפלעקס האָט געחנט אויף איר איילבערט־טונקל פּנים. די גלײַכע ליניעס פון אירע אויגנברעמען האָבן ערנסטער געמאַכט אירע פאַרטראַכטע בליקן.

די שפּאַנונג, וועלכע האָט מיך אינעם ערשטן מאָמענט באַ־הערשט, האָט אָפּגעטראָטן און מיר האָבן זיך פרײַנדלעך פו־נאַנדערגעשמועסט.

יעד׳ע באַגעגעניש מיט איר האָט פאַרטיפט מײַן ליבשאַפט צו איר אוממיטלבאַרער פשטות. עס איז געווען אַן אינטעלעק־טועלער גענוס צו רעדן מיט איר אַפילו וועגן טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן. די אינטימקייט פון איר שטים, איר שפּראַכקול־

טור, האָבן געוואַרעמט. אין איר נאָענט האָב איך דערשפּירט שיינגײַסט און קריסטלעכע תמימות. זייער אָפט פלעגט אין איר מעלאַנכאָלישן געמיט זיך אַדורכרײַסן אַ גאַליק־צינישער הומאָר.

*

אַ זומערדיקער נאָכמיטאָג. אינעם שטאָטישן גאָרטן איז גע־ווען טומלדיק, קינדער האָבן זיך געשפּילט און געפּילדערט. נאָר אין דער געדיכטער ביימער־אַלייע איז געווען שלווה. אַ שטיפעריש ווינטל פלעגט צו מאָל אַ טרייסל טאָן די דרימ־לענדיקע ביימער, און די בלעטער האָבן אָנגענעם גערוישט. ריחות פון די דערנעבנדיקע בלומענבייטן האָבן אָנגעפילט די לופט.

אינעם שאָטן פון דער טיפער אַלייע האָב איך פון דער ווײַטנס באַמערקט מײַן נײַע באַקאַנטע. אָלגאַ — אַזוי האָט זי געהייסן — איז, ווי איר טבע, געזעסן אַליין. דעם עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אויפן אָנלען פון דער באַנק און אין דער צוויי־טער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בוך. אַ צווײַג, וואָס איז נידע־ריק געהאָנגען, האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויף איר געשטאַלט און רו איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר סובטעלן געזיכט.

מיר האָבן זיך באַגריסט היימישער ווי אַלע מאָל, און מיט אַ העפלעכן זשעסט האָט זי אָנגעוויזן — זיך זעצן לעבן איר.

— וועל איך אײַך נישט שטערן — האָב איך אין שפּאַס געפרעגט — אײַער דיאַלאָג מיטן מחבר פון בוך?

— דאָס איז מײַן באַליבטער דיכטער.

וואַרפנדיק אַ בליק אויפן בוך האָב איך באַמערקט: ראַבינ־דראַנאַט טאַגאָר.

פון אָנהייב איז אונדזער געשפּרעך געווען קאָנווענציאָנעל,

לענגערע אָטעם־פּויזעס האָבן געטיילט מחשבה פון וואָרט. אָבער די אינטימע גאָרטן־אַטמאָספער האָט אָנגערעגט מייַן שטימונג און ס'האָט זיך מיר זייער געוואָלט, כאָטש אין רמז, מגלה זייַן איר די אין מיר פאַרשלאָסענע געפילן.

זי האָט וויַיזט אויס אַראָפּגעלייענט פון מייַן געזיכט, פאַר־שטאַנען די שפּראַך פון שטילשוויַיגן און האָט מיך געלאָסן געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייַך, נאָר אויפריכטיק, — וואָס האָט אייַך אין מיר פאַראינטערעסירט?

איר פרייַנדלער־שפּאַסיקער טאָן האָט צוריקגעשטעלט אין מיר די אינערלעכע גלייַכגעוויכט און, ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, זענען געפאַלן צווישן אונדז די לעצטע שפּורן פון קאָנוועציאָנעלקייט. שווער איז מיר געווען צו באַהערשן דעם פאַרפּלייץ פון די געפילן, וועלכע האָבן באַלאָדן מייַן געמיט, יעדעס וואָרט האָט געבריט מייַן מחשבה.

אָלגאַ האָט זיך צוגעהערט צו מייַנע רייד. רויטלעכע פלעקן זענען אויפגעגאַנגען אונטער דער הויט פון איר אויסגעאיידלט געזיכט, אירע אויגנדעקלעך האָבן זיך פאַרשעמט אַראָפּגע־לאָזט.

— אַ דאַנק, האָט זי שטיל אַרויסגעפּליסטערט, איר זענט אַן ענטוזיאַסט, עס איז בייַ אייַך דער אייַנדרוק פון מאָמענט. אַנטשולדיקט, — האָט זי פאַרגעזעצט, — ווי אַלט זענט איר, — אויב מען מעג וויסן?

איר פראַגע האָט מיך שאָקירט.

— צוואַנציק, — האָב איך נישט דעצידירט מוסיף געווען אַ יאָר.

זי האָט מיך באַטראַכט און געשוויגן, דערבייַ שפּילעוודיק

געצערטלט דעם קרייץ אויף איר ווײַבלעכן, מיטן חן־פעפער־לער געפּינטלטן האַלדז...

*

געווען אין דער פרוי אַן אינטערעסאַנטע אַנדערשקייט. צווי־בער פון פערזענלעכער אייגנאַרט, אײַנגעבווירענע קולטור, האָט געוויקט מיט דער דיסקרעציע פון גײַסט און סטיל פון געמיט. אין איר נאַטור האָט נישט געפעלט דער שטאָלץ פון פוילישן אַדל און זי האָט פאַרמאָגט דערבײַ די צניעות פון אַ נזירה. זי האָט דערנענטערט און דיסטאַנסירט צו גלײַך. ס'איז נישט געווען צו זען אין איר אפשר יענעם פּאָפּולערן זינלעכן רייץ. טייל מאָל האָט זיך באַקומען דער אײַנדרוק, אַז איר גע־מיט איז ערגעץ ווו באַשווערט פון אַן אינטימער געהיימעניש. גראָד אין די מאָמענטן האָט געווירקט איר עראָטישע נאַטור, ווי אַ בלום אין איר רײַפער פונאַנדערגעבליטקייט, וואָס פאַרלירט נישט פון איר שיינקייט, אַפילו ווען עס פאַלן אָפּ פון איר איינצלנע רײַפע בלעטלעך.

ווי איר אינערלעכע, אַזוי איז אויך איר אויסערלעכע באַ־שיידנקייט, סײַ ווען זי איז געווען אָנגעטאָן אינעם גרויען אַפּטייק־מאַנטל און ווײַסער בלוזע, סײַ אינעם אויסגעהאָפּ־טענעם זאַקאָפּאַנער קלייד, מיט אַ זײַדענעם שנור אויסגע־בונדן.

נישט גערן פלעגט אַלגאַ דערציילן וועגן זיך. מיט פאַרגעניגן אָבער פלעגט זי שילדערן אירע נסיעות איבער איטאַליע: — רוים, וואַטיקאַן, באַצויבערט פון די קירכן, אַלטאַרן, מיט די הימל הויכע גאָטישע טורעמשפּיצן. אויך איר קריסטלעכקייט איז געווען אַן עסטעטיש־עקזאַלטירטע. זי איז געווען באַווירקט פון דער קירכלעכער מוזיק און פאַרבנרײַכן צערעמאָניאַל. —

„איך, — פלעגט זי זאָגן, — פיל אין דער קירכלעכער מוזיק דערהויבונג, זי לײַטערט, מאַכט פרײַ.״

אָפט פלעגט מען זי זען שפּאַצירן אויפן פרײַעם פעלד הינ־טער דער שטאָט. זי פלעגט זאָרגעוודיק באַטראַכטן יעדן פלאַנץ, יעדע בלום. זי האָט ליב געהאַט די שלווה פון אינ־טימען אַליין זײַן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי פלוצלונג און אומפאַרהאָפט עס איז פאַר מיר געווען יענער פאַרנאַכט, ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען, אַזוי פלוצלונג און אומפאַרהאָפט איז פאַר מיר געווען איר פאַרשווינדן.

בײַם פאַרבײַגײן די אַפּטייק פלעגט מיך אָן אומעט באַהערשן. כ׳האָב נישט געקענט מער טרינקען דעם טרויער פון אירע מילדע, סאַמעט־ווייכע בליקן.

דאָס גרויסע אַפּטייק־פענצטער איז מיר ווידער פאַרגעקו־מען ווי אַ באַגלאָזטע בילדערראַם אין וועלכער עס פעלט דאָס בילד.

„אַ ציטער פון אַ פלאַטערנדיקן ריר האָט מיך אַ שטאָך געטאָן און איז פאַרשוווּנדן אין מאָמענט, ווי אַ צעריסן בלעטל אָוועקגעבלאָזן פון ווינט...״

(ראַבינדראַנאַט טאַגאָר)

אין אַ מײַטאָג

דער מײַ־פּרימאָרגן האָט פֿאַרשיכּורט מיט דער פֿרישקייט און מיט זײַנע דופֿטן. די שפּראָצונגען פֿון די פֿונאַנדערגעבליטע אַקאַציעס, בעז־ און קאַשטאַן־ביימער האָבן מיט זיסקייט אָנגעפֿילט די לופֿט. דער העל־בלויער הימל איז געווען ריין, אָן אַ סימן פֿון אַ וואָלקן.

אויף מיך האָט באַהערשט דער פֿרילינג־געמיט. איך בין געווען גוט אויפֿגעלייגט, מונטער, אַן אינערלעכע צופֿרידנקייט האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב אײַליק אײַנגעפּאַקט מײַנע פֿאַרבן און פּענדזלען, צוגעגרייט דעם לײַוונט און זיך געלאָזט אין וועג צום אָפּגערעדטן פּונקט, לעבן בריקל אויף דער סלאָוואַצקי־גאַס, כּדי זיך צו טרעפֿן מיט זאָפֿיען.

איך האָב געקירצט דעם וועג, כּדי וואָס שנעלער אָנצוקומען. כ׳בין געגאַנגען לענג־אויס די ווערבאָווע־גאַס ביז דער

קאַפּליצע, פון דאָרט דורך דער ציגעלניע, אַריבער דעם פרייַען גרויסן גאָרטן, — ביז צו דער בריק.

איך האָב שוין באַמערקט פון ווייַטן, אויפן פרייַען, פלאַר אויסגעשפּרייטן לאַן, איר נישט הויכע פיגור, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מאָלעריש נייטיקער אַקצענט אויפן האָריזאָנט. איר ווייַס־גרין געבלומט קלייד האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן איר יוגנטלעכע פרישקייט און איר הייַטערע גרייטקייט זיך צו לאָזן אין ווייַטן וועג אַרייַן.

זאָפיאַ האָט מיך באַגעגנט מיט אַ צעשמייכלטן אומגעדולד.

— איך וואַרט שוין דאָ, — האָט זי אין שפּאַסיקן פאַרוווּרף געזאָגט, — איבער פינף מינוט.

— קודם־כּל, אַ דאַנק אייַך פאַר די בלומען, וועלכע איר האָט מיר צוגעשיקט. פון וואַנען אָבער די ידיעה וועגן מייַן נאָמענטאָג ?

— פון קאַלענדאַר. לעבן דער דאַטע פון פופצנטן מייַ איז דאָ אַ צושריפט : — זאָפיאַ.

מיר האָבן זיך פאַרנומען אַרויף צו, מיטן שמאָלן באַרגיקן וועג, בייַ דער זייַט פונעם נייַעם בית־הקברות, דערנאָך מיטן פעלדוועג צום דאָרף לאָקוטקי. דער וועג איז געווען געדיכט באַוואָקסן פון ביידע זייַטן מיט ווערבעס און צווישן זיי ווייַסע בעריאָזעס, וועלכע האָבן אַראָפּגעטערערט מיט זילבערדיקע בלעטער. פון די באַאַרבעטע פעלדער האָט זיך געטראָגן אַ וואַרעמע פּאַרע. ס'האָבן שוין געשפּראָצט און זיך געגרינט די קוקורודזעס, די בוריקעס־בלעטער. אַ ווינטל האָט אונטערגעטראָגן די ריחות פון קאָניטשינע און רומיאַניק. אַרום דער זונענשייַן האָבן דאָ און דאָרט געקרייַזט אין אַ פלאַטערנדיקן טאַנץ געלע און ווייַסע שמעטערלינגען.

אויפן האָריזאָנט האָבן זיך שוין געצייכנט די קאָנטורן פון

דער דאָרפֿישער פּאַנאָראַמע. שיטער פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע כאַטעס מיט שטרוי־באַדעקטע דעכער, סטאַדאָלעס און גע־פלאָכטענע פּלויטן, און אַלץ אַרום האָט זיך געטונקט אין אַן ערד־ברוינעם און גרין־געלן טעפּער פֿון דאָרפֿישער לאַנד־שאַפֿט. שלווה און שטילקייט האָט אײַנגעהילט דאָס אוקראַי־נישע דערפֿל.

באַלד האָט זיך גענומען אַלץ וועקן. פֿונעם דערפֿל האָט זיך דערטראָגן דאָס קרייען פֿון די הענער, הינט האָבן געבילט, די בהמות געמעקעט, געמאָנט מען זאָל זיי אַרויספֿירן אויף די פֿרישע, זאַפֿטיקע לאָנקעס. פֿון די שטאַלן האָט זיך געטראָגן אַ היימישער ריח פֿון היי און פֿריש געמאָלקענעם מילך.

אַ דינער אָפּגעריסענער געקלאַנג האָט טעמפּ זיך אַרײַנ־געשניטן אינעם דאָרפֿישן אַרום, — אַ געקלאַנג פֿונעם קליי־נעם צערקווועלע, מיט די דרײַ ציבלרונדע קופּאָלן און אויף זיי זשאַווער־ברוינע און פּאַטין־גרינע פּלעקן.

מיר האָבן זיך געפֿונען אויף אַ בערגל פֿון וואַנען ס'האָט זיך געזען די פֿולע רחבותדיקייט פֿון דער דאָרפֿס־אויסגע־שפּרייטקייט, דאָס קלויסטערל, אַרומגעבעט מיט נידעריקע און העכערעביימער, נאָך טיפֿער — אַ שיטער סאָסנעוועלדל, אין ווײַטערן הינטערגרונט — אַ באַרגיקער ווײַסער פֿעלדז, — די קאַלכשטיין־האַקערײַ פֿון דאָרף. אַ מחיהדיק ווינטל האָט צאַרט געגלעט אונדזערע געזיכטער.

— איר שפּירט, — האָט זאָפּיאַ געזאָגט, — דעם אַראָמאַט פֿון געשניטענעם סאָסנעהאָלץ?

מיר האָבן פֿונאַנדערגעשטעלט די לײַוונטן און זיך גענומען צום מאָלן.

*

זאָפיאַ האָט נישט שלעכט געצייכנט, געפּילט מאָטיוו. איר האָט אָבער געפעלט מאָלערישער פאַרנעם, זין פאַר קאָלאָ־ריסטישע ניואַנסירונגען.

בעת מיר האָבן געהאַלטן שוין בײַם פאַרענדיקן, האָט זאָפיאַ זיך אײַנגעקוקט אין מײַן לײַוונט און ווי מיט פאַרדראָס אַ זאָג געטאָן:

— בײַ אײַך, זע איך, האָט זיך באַקומען גאָר עפּעס אַנ־דערש. די לאַנדשאַפט אָטעמט מיט מאָרגנפרי.

— קוקט אײַך אײַן, זאָפיאַ, — האָב איך מעשׂה פּעדאַגאָג געגעבן איר צו פאַרשטיין, — איר האָט נישט אויסגענוצט די מעגלעכקייטן, וועלכע עס גיט אײַך דער מאָטיוו. זעט וויפל קאָלאָריסטישע ניואַנסן עס פאַרמאָגן טונקל און העל, ברוין און גרין. צו וואָס דעטאַליזירן די איינצל־עלעמענטן און דערמיט ברעכן די פלאַך? עס פאַרלאַנגט זיך מער רוימיקייט, לופט. באַמיט אײַך דרײַסטער אָנצוואַרפן די פאַרבנפלעקן. בײַ אײַך זענען די קלויסטער־קופּאָלן קאָלאָריסטיש שווער באַלאָדן, שווערער פון די דינע טורעמלעך. לייגט מער אַכט אויף קאָלאָריסטישער פּערספּעקטיוו.

מײַנע באַמערקונגען האָבן זי דעפּרימירט, געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. דער גאָלדיק־ברוינער אָפּשײַן פון איר געזיכט איז פאַרשוווּנדן. אַ פאַרשעמטקייט האָב איך געזען אין די פריילעך פינקלענדיקע שמאָלע אויגן. אויך די בלאַסע זומער־שפּרענקעלעך אַרום איר נאָז זענען אָנזעעוודיקער געוואָרן.

— קומט, זאָפיאַ, — האָב איך געפּרוּווט ענדערן איר שטי־מונג, — מיר וועלן זיך אַוועקזעצן אָפּרוען דאָרט, אין שאָטן פון דעם צעצווײַגטן בוים.

— איך האָב פאַר אײַך עפּעס מיטגעבראַכט...

— וואָס אַזוינס?

— מאַלינעס פון אונדזער גאָרטן.

— מאַלינעס? ווו האָט איר מאַלינעס אין מײַ?

— געפּרעגלטע.

— דאָס האָב איך ליב, אַ דאַנק.

געמיטלעך האָט זאָפיאַ זיך אַוועקגעלייגט אין שאָטן, אונ־טערגעלייגט בײדע הענט אירע אונטערן קאָפּ און אַלץ אַזוי פּאַרזיכטיק און זאָרגעוודיק, כּדי נישט צעשויבערן די פּעדאַנט געאָרדנטע, קורץ געשוירענע האָר אירע.

אַ זוניקער ליכטפלעק האָט זיך דורכגעגנבעט דורך די צווײַגן פון די געפינגערטע דעמבנבלעטער און ליכט־און־שאָטן האָט ווי אַ נעץ זיך אָפּגעשלאָגן און שפּילעוודיק זיך צעוויגט איבער איר געזיכט. זשמורענדיק האָבן אירע האַלב־אָפענע אויגן זיך געראַנגלט מיט די ליכט־שפּיזלדיקע שטראַלן. די קנייטשן און פאַלדן פון איר קלייד זענען צוגעפּאַסט צו די ווינקל־טיילן פון איר ווײַבלעכקייט. לאַנגזאַם, איינציקווײַז זענען פון לעפעלע געפאַלן אין איר מויל די פאַרצוקערטע רויטע מאַלינעס.

נישט פאַרליבט בין איך אין איר געווען, נאָר באַרוישט, פאַרגאַפט אויף איר פריידיקן, לײַכטן געמיט, אויף איר אויסערלעכער געאָרדנטקייט און אינערלעכער עלעגאַנץ. איר אָנ־וועזנהייט האָט שטענדיק מיר פאַרשאַפט גענוס.

לײַדנשאַפטלעכע, צאַרטע באַגערן האָבן באַהערשט מײַן געמיט. אויבנאויפיק האָב איך געפינגערט איבער אירע ווייך געלאָקטע האָר, שפּילעוודיק מיט די ליפּן געצערטלט די ווײַסקייט פון איר וואַרעמען האַלדז.

— פאַר וואָס, — האָט זי שטיל געפרעגט, — האָט איר באַזײַטיקט דעם קרײַץ אויף מײַן האַלדז?

— זייַט מוחל, אָן כוונה. איך האָב אַכטונג פאַר הייליקייטן, אויך ווען זיי זענען פרעמדע.

— פרעמדע הייליקייטן, — האָט זי באַטאָנט, — אַ ווונדערלעכער פאָלק זענט איר.

— וואָס איז אייַך באַקאַנט פון דעם ווונדערלעכן פאָלק?

— זייער ווייניק. אויסער דער קרייציקונג — גאָרנישט. פון קינדווייַז פיל איך צו ייִדן אַ דיסאָנאַנס פון פאַרכט.

— אויך פאַר מיר?

— כ׳וואָלט דאָך מיט אייַך דאָ נישט פאַרבראַכט. איך לייען איצט — האָט זי פאָרגעזעצט, — אַן אינטערעסאַנט בוך פון פויכטוואַנגערן, — „די ייִדישע מלחמה״. נייַע באַגריפן האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט. אַן אַלט פאָלק די ייִדן, — די געשיכטע אַליין.

— אַלט ווי די מענטשלעכע קולטור, — האָב איך צוגעגעבן.

ווידער האָבן די גלאָקן פון דער צערקווע אויסגעקלונגען זייער קלינג־קלאַנג, דין־דאַן און מאָנאָטאָן זיך אַרייַנגעריסן אין דער שלווה פון אינטימקייט, וועלכע האָט פאַרווישט די מחיצה צווישן צוויי „פרעמדע״.

אַ ווינטל, אַ שטיפער, האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן דעמבבוים, רווישיקער איז געוואָרן דער האַרטער בלעטער־גערוויש און די ווילדע דעמבניסלעך זענען געפאַלן, געפאַלן. אַרום, אין דער פייַכטער ערד, האָבן קליינע ראָז־ווייַסע און גרויע ווערעמלעך זיך גערויעט.

פאַמעלעך, בהדרגהדיק האָט אַ גרויער שאָטן גענידערט איבער דער דאָרפישער פאַנאָראַמע. די כאַטעס האָבן זיך ווי אייַנגעקאָרטשעט און אויסגעוויזן זיך נאָך קלענער. אַ רויטע שייַן האָט פאַרגאָסן דעם ציבל־קופּאָל פונעם קלויסטערל. דער

מאָטיוו האָט אָנגעהויבן צו ווערן מאָלעריש אינטערעסאַנטער.

— איר זעט, זאָפּיאַ, דאָרט, דעם קאָלאָריט פון געל־רויטע קאָנטראַסטשטרײַפן אויפן האָריזאָנט, זעט ווי בולט עס איז דער פּיאָלעט פונעם קאַלכבאַרג. עס לעשט זיך אַ פּרעכטיקער טאָג.

*

אויפן וועג אַהיים האָט זאָפּיאַ מיר פאַרבעטן צו זיך אויף צו מאָרגנס, צו דער פײַערונג פון איר נאָמענטאָג.

— מײַן מאַן, — האָט זי געזאָגט, — האָט געוואָלט אײַך מאַכן אַ סורפּריז און פאַרבעטן אויך זײַן שילערין וועגן וועל־כער איר רעדט מיט אַזאַ באַצויבערטקייט, — די „ווײַסל־פּרינ־צעסין", וואַנדאַ. — זי איזווירקלעך שיין.

— ביז מאָרגן, — צום ווידערזען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס געדענקט זיך יענער לויטערער מיטאָג מיט זאָפּיען אין דאָרף, אויך נישט פאַרגעסן דעם אָוונט בײַ זיי אויף צו מאָרגנס.

אַ פאַרשיכּורטער פונעם יוגנטגליק־רויש בין איך אַהיים געגאַנגען. מײַן שטעטל טאָלמיטש איז געשלאָפן.

שטיל האָב איך אויפגעשלאָסן די טיר, נישט אויפצוּוועקן קיינעם. מײַן מאַמע האָט אָבער געוואַכט, זי האָט געהערט מײַנע טריט:

„לעבן בעט שטייט דײַן טעפּעלע מילך"...

מײַן יוגנט־חברטע
פרומקע העניגסבערג
אין אָנדענק

ייִדישע אויגן

באַרבײַגײענדיק די סענאַטאָרסקע־גאַס האָב איך אָפּגעטראָטן אין אַ קלײנעם קאַפֿע־רעסטאָראַן. כ׳האָב פֿאַרנומען דאָס אײנציקע פֿרײַע אָרט בײַ אַ טיש, לעבן װעלכן עס איז אײנע אַלײן געזעסן אַ יונגע פֿרוי. זי איז געװען אָנגעטאָן אין אַ רעגן־מאַנטל, אַלע װײַלע האָט זי מיט אומגעדולד געקוקט אויפֿן האַנטזײגערל, — קענטיק עמעצן אָפּגעװאַרט. נישט באַרירנדיק דעם געטראַנק, װעלכער איז לעבן איר געשטאַנען, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און האַסטיק פֿאַרלאָזט דעם קאַפֿע.

געל־גרויע כמאַרעס האָבן פֿאַרצויגן דעם הימל, ס׳איז געװאָרן לאַנגװײַליק. דורכנישטערנדיק די טעאַטער־כראָניק האָב איך באַמערקט, אַז דעם אָװנט װעט אין טעאַטער „נאַראָדאָװי״ אויפֿגעפֿירט װערן די פּרעמיערע פֿון אַנטאָני סלאָנימסקיס קאָמעדיע „ראָדזינאַ״ („די משפּחה״), מיט סטעפֿאַן

יאַראָטש אין דער הױפּט־ראָלע. איך האָב אײַליק פאַרלאָזט דעם קאַפע און זיך געלאָזט צו דער טעאַטער־קאַסע. שטייענדיק געדולדיק אין דער ריי האָב איך באַמערקט פון װײַטן מײַן שכנה פון דעם קאַפע, זי האָט, זעט אױס, אױך מיך געזען און גלײַך זיך דערנענטערט און מיר פאָרגעלייגט: — אויב איך נייטיק זיך אין איין בילעט, קען זי מיר אָפּטרעטן. כ׳האָב איר באַדאַנקט און גערן צוגעשטימט.

ס׳האָט זיך דערהערט דער דריטער טעאַטער־קלונג און איך בין אַרײַן אין זאַל. מײַן שכנה האָט שוין באַוויזן צו פאַרנעמען איר פּלאַץ.

— באַשערט, — האָב איך אין שפּאַס צו איר געזאָגט, — זיצן צוזאַמען, פריִער אין קאַפע און איצט אין טעאַטער...

— מײַן מוטער, — האָט זי ווי געפּרוּווט פאַרענטפערן זיך, — האָט באַדאַרפט קומען, און זעט אױס...

— עס מאַכט נישט, — האָב איך איבערגעשלאָגן אירע רייד, — פאַר מיר איז עס אַן אָנגענעמער צופאַל. זי האָט פאַרשטאַנען דעם רמז און באַדאַנקט פאַרן קאָמפּלימענט.

די ליכטער אין זאַל האָבן זיך בהדרגה געלאָשן און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

די קאָמעדיע האָט פאָרגעשטעלט, ווי דער פאָרשטייער פון ראַטן־פאַרבאַנד קאַרל ראַדעק קומט צו גאַסט קיין פּוילן און ער ווערט אײַנגעאָרדנט אין הויז פון אַ פּוילישן גוטבאַזיצער. אין לויף פון דער האַנדלונג באַקומט זיך, אַז ראַדעק איז אַ נישט־געזעצלעכער זון פון דעם גוטבאַזיצער און די מוטער זײַנע איז די ייִדישע פאַרוואַלטערין פון דעם הויז. די פאַרשיידענע סיטואַציעס האָבן אַרויסגערופן אַ שלל פון הומאָר און געלעכטער בײַם פּובליקום, באַזונדערס האָט אין זײַן

אויפטריט זיך אויסגעצייכנט יאַראַטש, אין דער ראָלע פון גוטבאַזיצער...

מײַן שכנה האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקן ענטוזי־אַזם און געווען אַפילו געצוימט אין אַפּלאָדירן, קענטיק אַז די פאָרשטעלונג האָט זי נישט איבערצײַגט. בײַם האַלב־טונקעלן שײַן האָבן זיך פון צײַט צו צײַט אונדזערע בליקן באַגעגנט. בעתן איבעררײַס האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט אין טעאַ־טער־האַל, ווו ס'האָט געהערשט אַ פּײַערלעכע שטימונג. עס זענען אויך אָנוועזנדיק געווען פיל טעאַטער־קריטיקערס.

אַ הויכער, מיטל־יעריקער מאַן, וועלכער האָט פון ווײַטן באַמערקט מײַן שכנה, איז צוגעקומען, זיי האָבן זיך פרײַנדלעך באַגריסט, — ער האָט געדריקט אירעביידע הענט.

— זײַט באַקאַנט, — האָט זי זיך צו מיר געוואַנדן, — דאָס איז מײַנער אַ פּראָפעסאָר...

בײַם העלן ליכט האָב איך ערשט באַטראַכט די געשטאַלט פון מײַן שכנה: אַ מיטל־הויכע פיגור, אַ צאַרטער שמייכל האָט באַגלייט איר געמיטלעך העל־נוסברוין געזיכט. אין דער אַסימעטריע פון איר טונקל־גרינעם קלייד האָט זיך אַזוי בולט געצייכנט די ווײַבלעכקייט פון איר אַנטבלויזטן אָרעם, — דער שאַרם אין איר האַלטונג. דער קנויל פון אירע באַהעמיש צעשויבערטע פּוך־ווייכע בלאָנדע האָר האָט געגרייכט איר גלאַטן האַלדז. אָבער אינעם גלאַנץ פון אירע טונקעלע ווײַנשל־אויגן איז געווען עצבות, — ייִדישע אויגן אין אַן אויסגעשפּראָכן סלאַוויש געזיכט.

נאָכן פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג האָבן מיר ביידע פאַר־לאָזט דאָס טעאַטער.

פון דרויסן האָט אַ ווייע געטאָן מיט פרישער לופט. דער הימל איז געווען לויטער און אויסגעשטערנט. ערטערווײַז האָבן

פילפאַרביק רעפלעקטירט די ליכטער אויפן שפּיגל גלאַטן, פּײַכטן אַספאַלט פונעם טעאַטער־פּלאַץ.

די אויפפירונג, — האָט מײַן שכנה באַהויפּטעט, — איז אַ זייער געלונגענע, — ס'האָט איר שאָקירט איינציק סלאַנימסקיס טראַקטירן די געשטאַלט פון ראַדעקן.

מיר זענען געגאַנגען צו פוס. באַגלייטנדיק זי אַ היים האָב איך פאַרגעזעצט אונדזער שמועס וועגן דער אויפפירונג. מיר זענען געגאַנגען לענג־אויס די גאַסן ביעלאַנסקאַ, לעשנאַ, זאַמענהאָף, דערנענטערט זיך צו דער מיליטערישער טורמע.

— שוין נישט ווײַט, איר זעט די קליינע גאַס, — האָט זי אָנגעוויזן, — דאָרט וווין איך. אויב די צײַט וועט אײַך דערויף דערלויבן און איר וועט וועלן, קענט איר, ביטע, בײַ אַ געלעגנהייט אונדז באַזוכן. קיין טעלעפאָן האָבן מיר לײדער נישט. פאַרגעדענקט אײַך דעם נאָמען און די גאַס: — האַנקאַ נאָרדווינד, קופּיעצקאַ־גאַס.

*

אַ שמאָלער, דומפּיק־פּײַכטער טרעפּ־קאָרידאָר האָט געפירט אַרויף צו צו דער בוידעם־שטוב ווו ס'האָבן געוווינט די נאָרדווינדס. דער אַרײַנגאַנג־גלאָק האָט נישט פונקציאָנירט. אין טיר האָט זיך באַוויזן אַ מיטל־יעריקע פרוי מיט אַ קרענקלעך־בלאַס, פאַרדאגהט, אָבער פרײַנדלעך פּנים. אַ פירהאַנג האָט געטיילט דעם שמאָלן אַלקער פון צימער. בײַ אַ טיש, פאַרוואָרפן מיט ביכער און העפטן, איז געזעסן האַנקע. מײַן אומגעריכטער וויזיט האָט זי אַ ביסל צעטומלט. באַגריסנדיק מיך האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר דער אומאָרדענונג, הגם עס איז געווען אויפגערוימט, ציכטיק אין יעדן ווינקל פון דעם אָרעמען באַוווין. דאָס ביסל אַלטע מעבל איז געווען פאַר־

שפּרייט מיט אויסגענייטע טישטעכלער, אָנגעשטעלט מיניאַ־טורן. די ווענטפּליכעס אויף די אָפּגעריבענע טאַפּעטן זענען געווען באַהאָנגען מיט רעפּראָדוקציעס.

האַנקע האָט מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר איר מוטער.

אַ וואַרעמע היימישקייט האָט מיך אַרומגעהילט אין די ד׳ אמות פֿון דער באַשיידענער וווינונג. האַנקע האָט אײַליק גע־בראַכט אין אָרדענונג אירע האָר בײַם שפּיגל און אירע עט־וואָס פֿולע קערפּערטיילן האָבן זיך באַוווּיגן קינדיש־אומבאַ־האָלפֿן.

מען האָט געגרייט צום טיש. כ׳האָב גערן אָנגענומען די אײַנלאַדונג צום אָוונטברויט. די לחמה־עניה איז אָנגעהויכט געווען מיט האַרציקער גאַסטפֿרײַנדלעכקייט.

די מענטשן זענען מיר געוואָרן נאָענט, כ׳פֿלעג גערן צו זיי אַרויפֿקומען. האַנקע איז געווען אַ סטודענטקע אויפֿן פֿילאָ־סאָפֿישן פֿאַקולטעט. קיין פֿאָטער האָט זי שוין נישט געהאַט, איז דער עול פֿון אויסהאַלטן די שטוב געפֿאַלן אויף איר. זי פֿלעגט העלפֿן די שוואַכע שילערס פֿון איר פֿאַקולטעט אין די לימודים און דערפֿון געלעבט.

קענטיק אַז האַנקע האָט באַקומען אַ שטרענגע דערציִונג, הגם זי איז געווען זייער פֿאַרגעשריטן אין איר מחשבה, דער־בײַ אָבער בירגערלעך־קאָנווענציאָנעל אין איר אויפֿפֿירונג. זי איז געווען אַן איידעלע, נישט פֿאַרטראָגן קיין טאַקטלאָזי־קייט, קיין טריוויאַלן הומאָר, וווּלגאַרן וויץ. זי פֿלעגט זאָגן: אַ וויץ האָט אַ ווערט, ווען ער איז נישט וווּלגאַר און רופֿט דערבײַ אַרויס געלעכטער. כ׳פֿלעג זיך באַמיִען צו אַכטן איר צאַרטקייט.

באַטראַכטנדיק איר געזיכט האָט זיך מיר שטענדיק אויסגע־וויזן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ דיסאָנאַנס צווישן איר בליציקער

מחשבה און קינדישער תּמימות. כ׳פלעג מיט פאַרגעניגן זיך אײַנהערן אין דער לײַכטקייט און מעטאָדישקייט פון איר מעדיטירן, מפרש זײַן די פאַרשידנסטע פילאָסאָפישע טעאָריעס און סיסטעמען. שפּעטער האָב איך אויך פאַרשטאַנען אירע באַוואָרענישן לגבי סלאַנימסקיס קאָמעדיע. ווי פיל אַנדערע צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ, האָט זי אויך געטרוימט די אילוזיע וועגן אַ גערעכטער וועלט, געגלייבט באמונה־שלימה, נישט געצווייפלט אין די אידעאַלן, וועלכע פאַרווירקלעכן זיך אָקערשט, דאָרט אין מיזרח, ווו אַלע פעלקער זענען גלײַך.

פאַרבײַגייענדיק אַ מאָל די גרויע ווענט פון „פּאַוויאַק"־טורמע, האָט האַנקע זיך אָפּגעשטעלט און אַנגעוויזן: — „איר זעט דאָס דריטע פאַרקראַטעוועטע פענסטער פון רעכטס, דאָרט האָב איך פאַרבראַכט אַ האַלב יאָר, און ווען נישט מײַנער אַ פּראָפעסאָר, גראָד נישט קיין ייִדן־פרײַנד, וועלכן, — אויב איר דערמאָנט זיך, — מיר האָבן באַגעגנט אין טעאַטער, — וואָלט איך דאָרט פאַרבליבן נאָך לענגער"... ס׳איז נישט געווען צו באַמערקן קיין צאָרן, קיין פאַרדראָס, זי האָט עס דערציילט אין אַ טאָן פון איינער, וואָס וויל אונטערשטרײַכן איר זכיה אינעם באַשיידענעם בײַשטײַער צום צוקונפטיקן נצחון.

*

איין מאָל, אין אַ ווינטער־אָוונט, האָב איך האַנקען גע־טראָפן ליגן אין בעט מיט הויכער היץ. אַ ווילדער, קאַלטער עלנט האָט געבושעוועט אין יעדן ווינקל. הייצן איז נישט גע־ווען מיט וואָס. די מוטער אירע איז געזעסן לעבן קליינעם אויסגעלאָשענעם, קאַלטן בלעכענעם אויוון. פאַרצווייפלטע, אומרויִקע בליקן, מוטערלעכער צער איז געווען אויסגעגאָסן

אויף איר אָנגעשטרענגט געזיכט. פּלוצעם האָט זי זיך האַס־טיק אויפגעהויבן און מיט אַ רויִקער דעצידירטקייט צוגעגאַנ־גען צו אַ שטול און דערנאָך צו אַ צווייטן, לאַנגזאַם גענומען פונאַנדערנעמען זיי, וואַרפן אין אויוון, — און געמאַכט פײַער.

אומבאַוועגלעך, ווי פּאַראַליזירט, בין איך געבליבן אויף מײַן אָרט, פּײַנלעך געוועזן צוצוזען דאָס בילד. האַנקע האָט געזען מײַן פּאַרלעגנהייט. רעדן איז איר געווען שווער, האָט זי מיט דער האַנט, מיט אַ רמז אָנגעטײַט, אַז ס׳מאַכט נישט... און דערבײַ אָנגעוויזן אויפן שאַפּקעלע לעבן איר בעט, — אויך דאָס וואַרפן אין פײַער. איר געזיכט האָט דערבײַ אויס־געדריקט אַ קינדערישע צופרידנקייט און אין איר גאַליקן שמייכל איז געווען טראַציקער שפּיל מיטן קאַפּריז פון עלנט, אַ קידער־ווידער מיטן גורל...

די טרוקענע שטולן האָבן געטרעשטשעט אין פײַער, און אין צימער האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואַרעמער, היימלעכער. האַנקעס געזיכט האָט געפלאַמט פון היץ, די גרויסע טראָפּנס שווייס אויף איר שטערן זענען געווען ענלעך צו די טראָפּנס וואַסער, וועלכע האָבן באַדעקט די קאַלטע ווענט. אויך די אײַז־פּראַסטיקע מחיצה אויף די שויבן האָט פונעם ביסל וואַ־רעמקייט אָנגעהויבן אויפטײַען און אַ שײַן פון דרויסנדיקן ליכט האָט פריילעך אַרײַנגעבליקט.

קיין מאָל האָב איך זי נישט געזען צערנען, באַקלאָגן זיך, וויינען, אויסער איין מאָל, בעת זי האָט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, ווי אַ קריסטלעכער סטודענט האָט געשפּיגן אין פּנים אַ ייִדישער שילערין.

*

געווען איז עס אין דער צײַט פון די שולפעריען. אַ טאָג

פאַר איר אָפּפאָרן אויף אַ זומער־קאָלאָניע, האָבן מיר פאַר־ברענגט אין ווילאַנאָווער וואַלד לעבן וואַרשע. צווישן וואַל־דיקער גערדיכטעניש, אין שאָטן פון ביימער האָבן מיר פאַר זיך געפונען אַ „פּאָליאַנקע״. די שלווה אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט געלאָקט. צווישן די זאַפטיק־גרינע הויכע גראָזן האָבן זוניק זיך געהעלט גאָלד־געלע און רויטע מאָנבלימעלער, דאָ און דאָרט האָבן צווישן די גראָזן זיך געהנדלט רויטע יאַגדעס. דער וואַלד האָט געדופטעט מיט אַן אָנגעזעטיקטן אַראָמאַט פון קאָנוואַליע־בלומען.

האַנקע האָט געקליבן ווײַסע פּוכקעפּלעך און זיי שטיפעריש פונאַנדערגעבלאָזן אין דער לופט, און אירע זײַד־ווייכע האָר האָבן ווי פריש געשניטענע תּבֿואה־זאַנגען באַדעקט אירע אַקסלען.

עס האָט אָנגעהויבן טונקלען. דער ראָז־בלוי אויפן לויטערן הימל האָט געגרויט. שאָטנס פונעם וואַלדגרין האָבן אינטימער געמאַכט דאָס געמיט. קופּער־רויט אָנגעגליט, האָט די זונקויל בהדרגה גענידערט איבערן האָריזאָנט. שפּיזיק האָבן די זונ־שטראַלן אַדורכגעריסן דעם בלעטער־געוועב אין די טיפן פון דער פּאַנאָראַמע. די שטילקייט האָט געפּישופּט. פייגל זענען איבער אונדז געפלויגן און געלאָזט הערן דעם שיר פון פאַר־נאַכטיקן אומעט. אין בולטן רעליעף האָבן זיך געצייכנט די קאָנטורן אין דער האַרמאָנישער סימעטריע פון האַנקעס גע־זיכט, אַ רעמבראַנד־שײַן האָט פאַרגאָסן איר נוס־ברוינע, מאַטע הויט. ווײַבלעכע מילדקייט האָט זיך געצערטלט אין יעדן גרימאַס פון איר הײַטער אָפּגעפרישט געזיכט. דער ניואַנס פון איר הייזעריקלעכן חן אין איר זינלעכער שטים, אויס־געמישט מיטן געהיימענישפולן געמורמל פון גראָז און גע־

רויש פון די בלעטער, האָבן געאײניקט אין זיך דעם סוד פון וואַלדנאַכטיקן אומרו.

*

אין יענעם אָוונט, פאַר האַנקעס אָפּפאָרן, איז די באַוועגונג אין גאַס געווען אַ קלענערע ווי שטענדיק. די קאַפעהײַזער — האַלב־ליידיק. עס האָט זיך ממש געשפּירט דער שטומער אָנזאָג פון נאָענטן שטורעם. דאָס זענען געווען די טעג פון 1939.

שטילשווײַגנדיק זענען מיר געגאַנגען איבער די וואַרשע־ווער גאַסן אויפן וועג צו איר אַהיים. לאַנג זענען מיר נאָך געשטאַנען פאַר האַנקעס ווינונג. שווער געווען צו באַפרײַען איר קליינע האַנט, וועלכע זי האָט מיר דערלאַנגט צום גע־זעגענען זיך. נאָך קיין מאָל ווי דאַן האָט זיך געוואָלט באַרירן די יוגנטלעכע פרישקייט אויף אירע ליפּן. — כ׳האָב עס נישט געטאָן. איך האָב דערפילט, ווי עפּעס וואָס רײַסט זיך איבער, ענדיקט זיך. יענע מינוטן זענען מיר פאַרגעקומען צו זײַן פאַרגאַנגענהייט.

*

אָפט טראַכט איך : האָט יענער פּראָפעסאָר אירער, וועלכער האָט זי פון „פּאַוויאַק" אַרויסגעריסן, ניט געפּרוּווט זי ראַ־טעווען פון די היטלער־נעגל ?

צו עכט יִדיש, — זעט אויס, — זענען געווען האַנקעס ווײַנשל־שוואַרצע אויגן, — זיי האָבן פאַרראַטן איר סלאַוויש געזיכט.

טעססאַ

די טרעפּ אין צווייטן הויף אויף אָרלאָ־גאַס זענען געווען שוואַך באַלויכטן. גרויע שאָטנס האָבן באַגלייט מײַן יעדן פוס־טריט. לאַנגזאַם און פּאָרזיכטיק האָב איך געשטיגן אויף די גליטשיקע, פײַכט אויסגעטראָטענע האָלצטרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די הירשביינס.

נידעריקער, אונטער מיר, האָבן זיך געהערט טריט אין זעל־ביקן פּאַרלאַנגזאַמטן טעמפּ, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען.

אינסטינקטיוו האָב איך געווענדט אַהין מײַנע אויגן און באַמערקט דורך דער נעפּלדיקער שײַן אַ יונג פּאָרפּאָלק. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. באַהערשט פון נײַגער, האָב איך נאָך מער פּאַרלאַנגזאַמט די טריט, כּדי גענויער אײַנצובליקן זיך אינעם געזיכט פון דער פרוי, וואָס האָט מיר אין יענעם מאָמענט אין עמעצן דערמאָנט. ס׳האָט מיך באַ־הערשט אַ געוויסער אומרו און מיך געמאַכט טראַכטן, אַז

אָט־אָט, נאָך עטלעכע טרעפּ און די פרוי וועט פאַרשווינדן ערגעץ ווו אין אַ וווינונג.

דאָס פּאָרל האָט זיך דערנענטערט און זאָלבע דריט זענען מיר שטיין געבליבן לעבן דער טיר ווו עס האָבן געוווינט די הירשביינס.

ס׳האָט אונדז באַגעגנט אַ וואַרעמער קבלת־פּנים. ס׳זענען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַ צאָל געסט. מיר האָבן זיך מיט אַלעמען באַגריסט, זיך באַקענט און פאַרנומען ערטער אַרום אַ פּײַערלעך געדעקטן טיש. די וווינונג פון די דרײַ שוועסטער הירשביין איז באַשטאַנען פון איין צימער, באַשיידן אײַנגעאָרדנט, ציכטיק און אָנגענעם.

כ׳האָב זיך געוואָלט זעצן נאָענט פון דער יונגער פרוי, אָבער געזעצט האָב איך זיך ווײַטער, ווי נישט וועלן פאַרראַטן די געהיימעניש פון מײַן פאַראינטערעסירונג.

מיר האָבן גענומען אַ כּוסע און נאָך איינע. ס׳איז געוואָרן היימישער, הײַטערער און געמיטלעך. מען האָט זיך פונאַנדערגערעדט. ביסלעכווײַז האָט זיך די רעשיקייט אײַנגעשטילט, מ׳האָט גענומען אויפמערקיק זיך צוהערן צו דעם וואָס די יונגע פרוי רעדט, צום געדאַנק וואָס זי אַנטוויקלט. די טעמע איז געווען פרויד. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און זי איז געווען אין צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. זי האָט לעבהאַפטיק גערעדט, פאַרהאַלטנדיק דערבײַ אַן אַקאַדעמישע רויִקייט, בליציק און געשיקט מאַנעווורירט מיט יעדן פאַרזיכטיק פאָרמולירטן געדאַנק. ס׳איז געווען בולט צו זען אויף איר: הנאה און זעלבסטזיכערקייט.

וווּנדערלעך סוגערירט פון אירע פלאַמיק צעשמייכלטע בליקן האָב איך פאַרלוירן דעם פאָדעם פון איר אַנטוויקלטן

רעיון. מיך האָט פשוט פאַרכאַפּט די אינטאָנאַציע פון איר יעדן קלאַנג.

די הירשבײנס האָבן זי פאָרגעשטעלט: „אונדזער ברו־דער מישאַ און זײַן ערשט־נישט־לאַנג געוואָרענע פרוי טעססאַ, אַ סטודענטין פון דריטן יאָר פּסיכאָלאָגיע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט”. מישאָס אויסזען — אַ מיזרח־טיפּ. טונקל־גלאַנציקע האָר, אַן אָליוו פּנים, שוואַרץ־ברע־נענדיקע אויגן. ער און זײַן עלטערע שוועסטער שׂרה זענען געבוירן געוואָרן אין ירושלים, און קינדער נאָך זענען זיי מיט זייערע עלטערן געקומען קיין וואַרשע.

פון דער נאָענט האָב איך ערשט נאָך דײַטלעכער באַמערקט די דינע, סימעטריש געצייכנטע שטריכן אויף איר צאַרטן גע־זיכט. חן־ווינקלען האָבן זיך געטיפט אויף איר מאַט, מאַנדל־קאָליריקן, געפלעגטן פּנים, פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגע־שטראַלט אַ שפּילעוודיקער הומאָר. איצט האָט זי מיר אויס־געוויזן פשוטער, באַשיידענער ווי פריִער, בעת זי האָט מיט אַזאַ אייפער און פּאַטאָס אַנטוויקלט די פּרווידיאַנישע טעאָ־ריעס. דאָס פּורפּל־רויטע פּליושקלייד, געשלאָסן הויך ביזן האַלדז, האָט נאָך אינטערעסאַנטער געמאַכט איר האַלטונג, צוגעבנדיק וואָג איר יוגנטלעכן אויסזען.

ס׳איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, ווען זי האָט מיר דער־מאָנט בעתן ערשטן מאָל דערזען זי. איר האַלטונג, איר פּנים האָבן דערמאָנט אין אינגריד בערגמאַן, דאָס זעלביקע טרוי־מערישע, אויסגעאײדלטע געמיט; יונגפרויִש, אַליינזאַם און באַשיידן.

לאַנג, לאַנג, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן האָבן מיר דאַן פאַרבראַכט. און וואָס נענטער און אינטימער מיר זענען גע־

וואָרן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער דיסטאַנץ, מײַן רעס־פּעקט צו איר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פאַרלאָזט וואַרשע.

*

אין דער ערשטער צײַט האָב איך וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש זעלטן געטראַכט, צײַטנווײַז נישט געווען בכּוח צו מאָל ווידזועל צו רעסטאַווורירן אין זכּרון איר אויסזען. נאָר דער בליק, מיט וועלכן מײַנע אויגן האָבן זיך באַגעגנט אין יענעם אָוונט אויף די טונקל באַלויכטענע טרעפּ — האָט מיך נישט געלאָזט צו רו.

אין אַ צײַט אַרום האָט פּלוצעם פון דאָס נײַ אויפגעלויכטן אין מיר אַ בענקשאַפט, אַ באַגער ווידער זי צו זען. כ׳האָב זיך געראַנגלט מיט דער שוואַכקייט און צום סוף זיך אונטערגעגעבן דעם יצר, דער פיבערהאַפטער סוגעסטיע, וואָס האָט מיך געשטויסן קיין וואַרשע.

די ערשטע צײַט האָב איך זיך נישט באַמיט זי אויפצוזוכן, פאַרקערט — געפּרוווט זיך דערווײַטערן, אָפּשטויסן, ווי נישט פאַרגינען זיך נאָכצוקומען דעם נײַגער זי צו באַגעגענען. נאָר אין איינעם אַ פאַרנאַכט, גייענדיק אויף קראַקעווסקאַ־גאַס, קעגן איבער דעם זאַקסישן גאָרטן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן פון דער ווײַטנס אַז טעססאַ קומט מיר אַנטקעגן. און — ס׳האָט געדויערט קירצער ווי דער דורכלויף פון דער מחשבה און מיר זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן.

פאַרוווּנדערונג און צופרידנקייט האָבן געשאָטנט אויף איר פריידיק צעשמייכלטן פּנים.

— „און דאָך אײַך געטראָפן, — האָט זי שטיל געזאָגט. — ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן זינט יענעם אָוונט? איר

האָט דאָך צוגעזאָגט צו קומען צו אונדז״. פרײַנדלעך, אָבער צוריקגעהאַלטן, האָבן אונדזערע ביידנס הענט זיך באַרירט. אַ װאַרעמער שטראָם האָט דורכגעריזלט מײַנע אָדערן. שווער געווען אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

די לײַכטע פאַרלעגנהייט, די מינוטן פון שטילשווײַגן, דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי אומוואַרשײַנלעך און דאָך — די זעלביקע בליקן ווי דאַן אויף די טרעפּ. ווידער האָבן זיך פונאַנדערגעשפּילט אויף איר מאַנדל־מאַטער, צאַרטער הויט אַ העלקייט און אַ שאָטן.

— אפשר קומט איר מיט צו אונדז? מיר וווינען אויף נאָ־וואָליפּיע. מיר וועלן זיך איבערגיין דורכן גאָרטן.

מיט פאַמעלעכדיקע טריט זענען מיר געגאַנגען לענג־אויס דעם גאָרטן. פון ערגעץ ווו האָבן זיך געהערט אָנגענעמע קלאַנגען פון אַ פּיאַנע. שאָפּען — האָט טעססאַ שטיל אַ זאָג געטאָן. — אַ האַרבסטווינטל האָט פונאַנדערגעוויגט די ביי־מער, קופּער־רויטע בלעטער האָבן זיך געשפּרייט אונטער אונדזערע טריט. די שאָפּען־טענער האָבן זיך ביסלעכווײַז דערווײַטערט, נאָר דער רויש פון דעם בלעטער־אָנשיט האָט באַגלייט אונדזערע טריט.

געטראָטענע רויזן

א יונגע, פרימאָרגנדיקע פרילינגזון האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך די שויבן און שפּילעוודיק־מילד געגלעט מײַן געזיכט, געצערטלט די אויגן־דעקלער, נאָך האַלב־פאַרמאַכטע פון אָקערשט אויפגעוואַכטן שלאָף, פאַרהאַלטנדיק נאָך די לעצטע שפּורן פון חלום.

דעם פרימאָרגן האָבן צום ערשטן מאָל דורך מײַן אָפּע־נעם פענצטער אַרײַנגעדרונגען ווײַטע קלאַוויר־קלאַנגען, אַזעלכע לויטערע, אָנגענעמע קלאַנגען, וואָס האָבן ממש פאַרכאַפּט דאָס געמיט.

פון יענעם אין דער פרי פלעגט זיך יעדן טאָג איבערחזרן די מוזיקאַלישע פרילינגדיקע מאָרגן־תּפילה. הגם זי פלעגט זיך דערטראָגן פון ווײַטן, האָב איך דײַטלעך אויפגענומען יעדן קלאַנג פון אַן אַריע, נישט פאַרלירנדיק אַ מינדסטן ניואַנס.

אויסער די צאַרטע קלאַווירטענער האָט זיך אויך געהערט

אַ העלע שטים, אַ געזאַנג פון אַ פרוי, און שווער איז געווען צו אונטערשיידן, צי זינגט עמעצער אונטער אַקאָמפּאַנימענט, אָדער איז עס אַיין פּערזאָן.

מיך האָט אָנגעהויבן צו אינטריגירן — פון וואַנען קומען אָט די קלאַנגען?

מײַנע פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ זײַטוועג. אַריבער דעם וועג האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע גאָרטן־אַליי אין דער מיט פון אַן אָפּגעשלאָסענעם, נישט איבעריק געפּלעגטן פּאַרק, אויף וועלכן עס איז געווען אַן אויפשריפט, — „פּרי־וואַט".

אין אַ היפּשן מרחק האָט זיך געזען אַ פּאַראייִנצלט הויז — אַ ווילע, אויסערלעך פּאַרנאַכלעסיקט. פון ווײַטן האָבן זיך בולט אויסגעטיילט די פיר מאַרמאָר־זײַלן, וועלכע האָבן אונ־טערגעשפּאַרט דעם אין גריכישן סטיל דרײַעקיקן דעכל פונעם גאַניקל.

מען פלעגט דאָס הויז רופן „די פּאַרלאָזענע ווילע". קיין לעבעדיקן מענטש פלעגט מען דאָרט נישט זען, אויסער פון צײַט צו צײַט אַן אַלטן גערטנער אין פּאַרק. די ווילע האָט אַ מאָל געהערט צו אַ פּריץ, שפּעטער האָט ער זי פּאַרקויפט צו זײַנעם אַן עקאָנאָם, וועלכער פלעגט זעלטן ווען אַהין צו אַרײַנבליקן.

פון זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן יענע פרימאָרגן־קאָנצערטן פלעג איך זיך אײַנהערן אין די שטילע, ווײַטע טענער. צווישן די אַלע אַנדערע אַריעס האָבן מיך באַזונדערס סוגערירט די קלאַנגען פון אַ יצירה, וועלכע האָבן זיך געטראָגן מיט אַזאַ פּאַסטאָראַלער התרוממות הנפש אין דעם אַזוי לײַכטן אי־בערגאַנג פון אָקטאַווע צו אָקטאַווע, אין דער רײַכער סקאַלע פון דער פּרויענשטים, קלאַנגען אָנגעפולט מיט בענקשאַפט.

מעלאַנכאָליע, רעליגיעזיטעט, — טענער ממש פון הימלישער ספערע.

אינערלעך האָב איך שוין רעזיגנירט פון מײַן פריזערדיקן נײַגער צו דערגיין דעם סוד פון וואַנען און ווער, — בעסער אַזוי...

*

ס׳זענען פאַרבײַ טעג און וואָכן. איין מאָל, אַרומדרייענדיק זיך אין פּאַרק האָב איך צום ערשטן מאָל לעבן דער גאָרטן־אַלטאַנע באַמערקט ווי אַ פרוי באַשנײַדט די צווײַגן און בלעטער פון קוסטעס ווילדן ווײַן אַרום דער אַלטאַנע. דערנאָך האָט זי זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דעם פּאַנטאָן־באַסיין. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ געבלומט העל־רויט, דורכזיכטיק קלייד, וואָס איז צוגעפּאַסן צו איר שלאַנק־הויכער געשטאַלט. אַ שוועבנדיקע לײַכטקייט האָט באַוויגן איר צאַרטן קערפּער, די באַוועגלעכע היפטן אירע האָבן ווי סעקונדירט דעם ריטעם פון אירע טריט.

אַ סברה, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז זי...

דערנענטערנדיק זיך צו דעם פּאָנטאָן, לעבן וועלכן זי איז געזעסן און זיך אײַנגעקוקט ווי די רויט־גאָלדענע פישעלעך אין וואַסער יאָגן זיך איבער איינע די צווייטע פלינק און געשיקט, כּדי צו כאַפּן די ברעקלעך שפּײַז, וועלכע פאַלן פון אירע שמאָלע, לאַנגע פינגער, — האָב איך זי קאָנווענציאָנעל באַגריסט.

— אַנטשולדיקט, האָב איך שפּאַסיק צו איר געזאָגט, דאָס זענט איר, וואָס שוין זינט מאָנאַטן וועקט איר מיך אויף יעדן פרימאָרגן פון שלאָף?

זי האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: — וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך הער אײַערע קאָנצערטן.

— יאָ, ריכטיק, האָט זי שמייכלענדיק צוגעגעבן, — איך בין עס. כ'האָב נישט געוווּסט, אַז איך שטער עמעצן. קיי־נער וווינט נישט אין דער געגנט, האָט מיר מײַן מאַן געזאָגט.

— צו מײַנע פענצטער דערגייען יאָ די געגוספּולע קלאַנ־גען. איר דאַרפט אָבער נישט באַדויערן, ווײַל מיט פאַרגעניגן הער איך זיך אײַן אין די אַריעס פון גונאָ, אין שובערטס „אַווע־מאַריאַ", ווערדיס „אַידאַ", אין ליסט און היידן. באַזונ־דערס פאַרכאַפּט אָבער מײַן געמיט אַ פּאַסטאָראַלע מעלאָדיע, וועלכע איר זינגט אָפט און נאָך וועלכער איך בין פאַרבענקט. די קלאַנגען דערמאָנען קירכלעכע אָרגל־מוזיק.

— אַ, איך ווייס וואָס איר מיינט. די שאַפונג איז מײַנע. איך ליב זי. זי הייסט: „געטראָטענע רויזן"...

— אייגנאַרטיק גאַליק קלינגט דער נאָמען, — „געטראָטע־נע רויזן"... טרעט דען ווער אויף בלומען?

— פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס טוען דאָס אַפילו מיט פאַר־געניגן, טרעטן אויף אַלץ וואָס בליט... בײַ די ווערטער איז בלייכער געוואָרן דער אָוואַל פון איר העל געזיכט, פאַר־טרויערט אירע גרויסע טונקל־ברוינע מאַנדלאויגן.

— אויך איך האָב נישט געגלייבט, האָט זי נאָך אַ לענגע־רער פּויזע צוגעגעבן, איך האָב עס אָבער דערפאַרן אין די חדשים פון מײַן זײַן דאָ. איר געזיכט האָט באַשטעטיקט דעם רמז און ווי לענגער און אויסגעצויגענער האָט זיך אויס־געוויזן די גלײַכע ליניע פון איר נאָז, וועלכע האָט זיך גע־אייניקט מיט דער ליניע פון די ברעמענפּײַלן אויף איר הויכן שטערן. איך האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם שימערירנדיקן בלוי־

DENVER
PUBLIC ...

לעבן אָפּגלאַנץ פון אירע קויל־שוואַרצע האָר, וואָס האָט דערמאָנט די בלוילעכע פלעמלעך אויף אַ טליִענדיקער גלאָווניע. די לאַנגע און געלאָקטע האָר אירע האָבן באַרירט די — ווי יונגע פליגל — אַקסל־לאַפּעטקעס.

נערוועז, לאַנג און אָן אָפּהאַלט האָט זי גערעדט. דער גלאַנץ פון איר פולער אונטערשטער ליפּ האָט געבריט און אימפּעטיק האָבן זיך געצאַפּלט די רונדן פון איר פולברוסט אונטערן דינעם געוועב פון קלייד, וואָס האָט אַרומגענומען איר שמאָלע טאַליע. פאַרדראָס האָט באַגלייט איר פאַרצווייפלונג. עס איז ממש שווער געווען לענגער צו פילן אויף זיך אירע צודרינגלעכע בליקן, וועלכע האָבן געמאָנט הילף.

אויסטערליש פייַנלעך איז געווען די קורצע געשיכטע פון איר דאָזיין אין דער „פאַרלאָזטער ווילע", אין וועלכער זי געפינט זיך פאַרשפּאַרט, ווי אַ פויגל אין אַ שטייַג.

*

דער עקאָנאָם, דער בעל־הבית פון דער ווילע, וועלכן כ׳האָב איין מאָל געזען רייַטן אויף אַ פערד אין זייַנע גלאַנציקע שטיוול מיט אַ רייַטבייַטשל אין האַנט, איז געווען אַ מענטש פון מיסחר און ער פלעגט אַרומפאָרן אין אויסלאַנד.

אויף זייַנער אַ רייַזע קיין אונגאַרן האָט ער אין בודאַפּעשט באַקענט די דאָזיקע פרוי, אַ בירגערלעך מיידל פון אַן אַסימילירטער היים און אָט האָט ער זי אַהער צו געבראַכט.

נאָך אַ קורצער צייַט פון צוזאַמענזייַן האָט זיך אָנגעהויבן די דראַמע אירע. ער זעט אין איר בלויז אַ פאַרגעניגן־אָביעקט, צווינגט זי אויף אַלע אינטימע גראָבקייטן, אויך אין דער אָנוועזנהייט פון זייַנע געסט. גאַנץ אָפט קומט ער אַהיים אַ שיכּורער, איז ברוטאַל און באַליידיקט איר ווערדע און נישט

זעלטן אויך פּיזיש. זי טאָר זיך מיט קיינעם נישט טרעפן. ער אַליין איז לאַנגע וואָכן אויף זײַנע רײַזעס. עס טרעפט אויך, אַז ער קומט אַהיים אין דער געזעלשאַפט פון פרעמדע פרויען. נאָך און נאָך אַזעלכע טרויעריקע פּרטים איז מיר אויסגעקומען צו הערן יעדעס מאָל ווען ס'האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט מיט איר זיך צו טרעפן.

פון יענעם מאָמענט האָב איך אַנדערש זיך אָנגעהויבן אײַנצוהערן און צו פאַרשטיין די שפּראַך פונעם טאָן און קלאַנג, דעם געמיט פון אַ ניגון. יעדער אַקאָרד האָט צו מיר גערעדט ווי אַ געהיימער שיפער. איך האָב אָנגעהויבן אונטערצושיידן אין די טענער, ווען זי איז אַליין, ווען מיט אים און ווען זי מוז פאַר זײַנע געסט שפּילן ביליקע שלאַגערס. אַפילו דער בלעטער־געמורמל אויף די ביימער אין דער לאַנגער אַליי האָבן איינע די צווייטע איבערגעגעבן בסוד, — געטראָגן צו מײַנע אויערן די שיפרירטע קלאַוויר־קלאַנגען פון דער פאַרשלאָסענער ווילע און איך פלעג שוין וויסן ווען אָפּצוּוואַרטן די טריט פון דעם אַרעסטירטן פרויען־צויבער.

*

יאָרן זענען פאַרלאָפן. איך בין אין וואַרשע. איין מאָל לייען איך איבער אויף אַן אַפיש, אַז אין זאַל פון דער פילהאַרמאָניע טרעט אויף די זינגערין מאַלווינאַ אַ־ען פון בודאַפּעשט, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון אונגאַרישן בילדונגס־מיניסטער. איך בין געוואָרן גליקלעך איבערראַשט פון דער מעגלעכקייט צו קענען זי ווידער זען נאָך אַזוי פיל יאָרן, און מיט פיבערדיקער אומגעדולד האָב איך אָפּגעוואַרט דעם קאָנצערט־אָוונט.

דער זאַל פון דער פילהאַרמאָניע איז געווען איבערפולט

מיט אַ פּאַרשידנאַרטיקן פּובליקום, צווישן וועלכן עס האָבן זיך אויך געזען די פאַרשטייערס פון דער אונגאַרישער גע־זאַנדשאַפט.

מאַלוואַ האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע. זי איז געווען אָנ־געטאָן אין אַ לאַנג פּורפּל־רויט קלייד. איר געזיכט עטוואָס געענדערט, אָבער זי האָט פאַרהאַלטן איר חן. איר דערשײַ־נען האָט אָפּגעפרישט אין מײַן זכרון די מאָמענטן פון פרייד און אומעט בעת אונדזערע אַמאָליקע צוזאַמענטרעפן. ווידער האָבן מיך געוואַרעמט אירע העלע, וואַרעמע טענער. איר שטים איז איצט געווען קרעפּטיקער, פולקאָמער, דעצידירטער ווי אין יענע טעג.

אין דער פּויזע האָב איך אַרויפגעשיקט רויטע רויזן, מיט אַ צושריפט אין אונגאַריש, — „געטראָטענע רויזן״.

דאָס פּובליקום האָט וואַרעם אַפּלאָדירט, אייניקע מאָל זי אַרויסגערופן, ביסירט. ווען ס׳האָט זיך אײַנגעשטילט האָב איך אויסגערופן: „געטראָטענע רויזן״!... זי איז געבליבן אַ ווײַלע דערשטוינט, געזוכט מיט די בליקן צווישן פּובליקום און האָט אָנגעהויבן זינגען. מיט דער זעלביקער פּאַסטאָראַלער צאַרט־קייט, מעלאַנכאָלישער פאַרבענקטקייט האָט זי אויסגעזונגען דעם אומעט פון פאַרגאַנגענע טעג.

נאָכן קאָנצערט בין איך אַרײַן צו איר אין גאַרדעראָב. זי איז געבליבן שטיין, מיך באַטראַכט און נישט דערקענט.

—האָבן איַיך מײַנע רויזן מיט דער צושריפט אין גאָרנישט דערמאָנט?

אַ פאַרשעמטע האָט זי אויסגערופן: — אָ, גאָט! — ווי האָב איך געקענט! איר זענט עס! וואָס פאַר אַ פריידיקער סורפּריז: כ׳האָב איַיך נישט דערקענט, אָבער אויך נישט פאַרגעסן... איר בעסערט זיך נישט... אין איַיער צושריפט האָט איר, דאָס

מאָל ווי דאַן, דאָס וואָרט „קעזעטשאָקאַלאָם" (איך קוש די האַנט) געשריבן פֿאַרגרײַזט.

מינוטן פון פרייד און פאַרלוירנקייט זענען עס געווען פאַר ביידן. מיט איר ווײַס טיכעלע האָט זי באַרירט די וויִעס, אויפ־געזויגן די טרערן־בריליאַנטעלער, וועלכע זענען געשווומען אין אירע אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אַ מאָל געטראָפן ליגן אַ געטראָטענע רויז. אירע סאַמעט־ווייכע, רויטע, דעליקאַטע בלעטלעך האָבן שוואַרצע פלעקן, ווי מיט פאַרטריקנטע בלוטטראָפנס באַדעקט. כ'האָב די בלום אויפגעהויבן און אין וואַסער זי אַרײַנגעגעבן. האָבן די פאַלדן אויף די צעטראָטענע בלעטלעך זיך אויסגעגלײַכט און אויסגעגלעט. אין וואַסער האָט די רויז צוריקבאַקומען איר בלוט־פרישן רויט.

עכטע רויזן שטאַרבן נישט, אויך געטראָטענע.

בליקן ווערלכע באַגלייטן

דער פערטער טאָג, אַז איך ליג מיט הויכער היץ, אָפּגעזונ־דערט אין דער אַמבולאַטאָריע פון אַרבעט־באַטאַליאָן. אַרום איז טויט שטיל, עלנט און וויסט. דער טויבער לאַנגווײַל ווערט רגעוויַיז געשטערט דורך אַ מאָנאָטאָנעם גריזשען פון אַ מויז. כ'האָב נישט געשפּירט קיין ווייטיק, די גלידער פון גוף — ווי זיי וואָלטן נישט מײַנע געווען.

דאָס קלאַפּן פון האַרץ, האָב איך געפילט, ווערט אַלע ווײַלע לאַנגזאַמער, שוואַכער, דער אָטעם שווערער און ענגער. דאָס שמאָלע פענצטערל קעגן איבער, מיט בלינדע שויבן, אָנגעבעט מיט שנײ, האָט זיך היין און הער געוויגט פאַר מײַנע אויגן...

פּלוצעם, ווי פון חלום אויפגעוואַכט, האָב איך דערזען לעבן מיר די פעלדשערין פון באַטאַליאָן, אַלגאַ איוואַנאָוונאַ, און זי ווייעט מיט פײַכטע טיכער איבער מײַן געזיכט, וואָס דאָס האָט פאַרלײַכטערט מײַן אָטעמען. כ'האָב פאַרשמאַכט גע־

שלונגען יעדן טראָפּן פּליסיקייט, מיט וועלכן זי האָט באַפּײַכט מײַנע טרוקענע ליפּן...

איר טונקל באַחנט געזיכט איז געווען באַזאָרגט, אירע בליקן נערוועז.

דערנעבן איז געשטאַנען אַ הויכער, מונדירטער מאַן מיט אַ פאַרגליווערט טרוקן פּנים און קאַלטע בליקן, — ד״ר פראַנק, — דער וועלכער פלעגט נישט באַטראַכטן געגנוי דעם קראַנקן און אויסרופן „סליעדוויושטשי״ — דער קומענדיקער.

אָפּגעריסענע ווערטער זענען דערגאַנגען צו מײַנע פאַרשטאָפּטע אויערן: „איר האָט אים געפּטרט... וויסנדיק, אַז עס הערשט טיפוס, האָט איר...״. ווידער האָט אַ גערויש פאַרטויבט מײַן געהער.

ס׳האָבן זיך געעפנט טירן, אַ געדרייעריי, מען האָט זיך אַרום מיר געפּאָרעט, אײַנגעהילט אין אַ דעק און אַרויסגעטראָגן אין דער קאַלטער פינצטערניש. אַ שטים האָט באַפוילן: גלײַך מיט אים אין „פּיערוואַיאַ גאָראָדסקאַיאַ״ — אין ערשטן שטאָטישן שפּיטאָל.

דער שליטן האָט געשניטן אין דערווינטיקער נאַכט. נאַסע שפּליטערס שניי זענען געפאַלן אויף מײַן צעגליט געזיכט. כ׳האָב נישט געשפּירט די קעלט. איך בין זיך פאַרגעקומען אַזוי גרינג, לופטיק, ווי אָן אַ גוף, אין אַ פליִענדיקן פײַער־וואָגן... ס׳האָט מיך נאָר באַגלייט אַ שטים, ווי געטראָגן מיטן ווינט: סלעדוויושטשי, — סלעדוויושטשי, — סלעדוויושטשי...

*

כ׳האָב זיך דערזען אין אַ שמאָלן, שוואַך באַלויכטענעם קאָרידאָר, אין דער נידער, אויף אַ פעלדבעטל. מײַנע באַגלייטערס האָבן גערעדט צו אַ הויכער פרוי אין אַ ווײַסן מאַנטל.

זי האָט פֿאַרשריבן. פֿון דאָרט האָט מען מיך אַרײַנגעטראָגן אין אַן איבלדיק באָדצימערל, מיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אומגעלומפּערט גרויסער וואַנע מיט הייס וואַסער.

די היץ האָט, זעט אויס, צײַטנווײַז איבערגעריסן מײַן באַוווּסטזײַן. כ׳געדענק נאָר, אַז איך האָב זיך דערזען אין אַ קוים באַלויכטענעם קאַלטן צימער, צווישן צוויי בעטן. קעגן איבער מיר — אַ בעט, אין וועלכן ס׳איז עמעץ געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ לײַלעך, פֿון וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיק פּיאַטע פֿון אַן אַרויסשטאַרטשענדיקן פֿוס.

ס׳איז מיך באַפֿאַלן אַ פּחד. כ׳האָב געווענדט מײַנע בליקן צו די שכנים וואָס אין די זײַטיקע בעטן, כ׳האָב אָבער נישט באַמערקט קיין באַוועג, קיין קרעכץ. די פֿאַרענדערטע פּנימער זייערע האָבן נאָך מער פֿאַרטיפֿט אין מיר די שרעק. כ׳האָב אָנגעהויבן שרײַען, רופֿן. נאָך לאַנגע מינוטן איז אַרײַנגעקומען אַן עלטערע פֿרוי, אַ קראַנקן־באַדינערין. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר, געפּרוּווט מיך באַרויִקן, געבנדיק מיר צו פֿאַרשטיין, אַז אַרויסצוטראָגן די טויטע פֿון דעם צימער האָט מען רעכט נאָר לויט דער אָנווײַזונג פֿון אַ דאָקטער. געפֿין איך זיך, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אין אַ מתים־שטוב. — —

*

ווען די קריטישע טעג זענען אַריבער, די היץ האָט אָפּגעטראָטן, האָט מײַן אָפּגעשוואַכטער מוח אָנגעהויבן אָנגענעם צו באַשעפֿטיקן אַ געשטאַלט, אַ פּנים פֿון אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב עס געזען דאָ אין שפּיטאָל. געזען און נישט מער.

דער אומרו און דער באַגער די פֿרוי ווידער צו זען האָט מיך נישט געלאָזט צו רו. איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ די

דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, אויסגעמאָלן ווי זי זעט אויס. יעדערער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זאָגנדיק דעם זעלביקן פּיזמון: „עטאָ אָו וואַס פּאָסלע־טיפּני ברעד" — דאָס איז בײַ אײַך אַ פּלוידערײַ אַזאַ, אַן אײַנרעדעניש פון נאָך אַ טיפוס.

איך האָב אָבער פאַרגעדענקט דעם אויסזען פון דער פרוי: אַ הויכע, אַ גראַדע, שמאָלע באַוועגלעכע אַקסל־רונדונגען, איר רונדיקן ווײַסן פּנים און די קופּער־ברוינע האָר. איך פיל ממש אויף זיך אירע צערטלעך טרויעריקע בליקן, זי באַרירט מײַן האַנט. צי מיינט בענקשאַפט — האַלוצינאַציע? איז זינ־לעכע שפּירונגען, געפיל, — אַ פאַנטאַסטישע אויסטראַכטע־ניש פון אַ קראַנקן דמיון?

*

אין איינעם אַן אָוונט, איך ליג אַ פאַרטראַכטער אויף מײַן געלעגער, בעת מײַנע פיס באַוועגן זיך נישט. אין צימער — בעטן, בעטן. טייל קראַנקע פלוידערן פון היץ, אַנדערע שרײַען. עמעצער רײַסט זיך מיט כּוח פון געלעגער, שרײַט, אַז עס ברענט. די סאַניטאַרן בינדן אים צו צום בעט. — עפנט זיך די זײַטיקע טיר פון צימער און עס קומט אַרײַן אַ פרוי, אַ דאָק־טער. זי גייט פון קראַנקן צו קראַנקן, איז בודק יעדערנס פּולס. זי דערנענטערט זיך אויך צו מיר. איך ווער איבערראַשט און דערשטוינט. עס באַהערשט מיך אַ געפיל פון פרייד און נײַ־גער. לאַנגע פינגער פון אַ שמאָלער האַנט באַרירן אויך מײַן דופק. איך קוק זיך אײַן אין איר געזיכט, אין אירע אויגן. עס איז זי, — די פרוי, וואָס באַשעפטיקט מײַן דמיון. זי וויל גיין ווײַטער און איך פאַרהאַלט זי: מיט וויפל בענקשאַפט וואַרט איך אויף איר באַזוך.

— „וואָס איז, קראַנקער״? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— גייט נאָך נישט, דאָקטער, אַ ווײַלע! ווען איר זאָלט וויסן ווי איך פרעג זיך בײַ אַלעמען נאָך אויף אײַך!

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים, אין אירע בליקן — מיטלייד, אַ שפּאַסיקער גוטמוט.

— איר האַלוצינירט, קראַנקער. עס טרעפט אָפט נאָך אַ טי־פוס. מיך האָט איר נישט געקאָנט זען דאָ, ווײַל איך בין פון אַ צווייטער אָפּטיילונג, פון דער קינדער־אָפּטיילונג, כ׳קום אַהער זייער זעלטן.

מיט געדולד האָט זי זיך צוגעהערט צו מײַן אַמפּערן זיך. זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי זי זאָל זיך אין עפּעס דערמאָנען. איבערגעלייענט דעם נאָמען אויף מײַן בעט, האָט זי אײַליק פאַרלאָזט דאָס צימער.

ערשט בין איך געוועזן איבערצײַגט, אַז זי איז עס. דאָס ווײַסע רונדיקע געזיכט, די זעלביקע טיציאַן־ברוינע, סאַמעט־גלאַטע האָר.

זי איז האַסטיק צוריק אַרײַן אין צימער, גלײַך צו צו מײַן בעט און אויסגערופן:

— איר זענט גערעכט. כ׳האָב קאָנטראָלירט אײַער קראַנקן־קאַרטע. דאָס האָב איך אײַך אויפגענומען בעת מען האָט אײַך אַהער צו געבראַכט, דעם 18טן מאַרץ, ס׳שטימט! אָבער, האָט זי מיט שטוינונג געפרעגט, ווי אַזוי האָט איר אין אַ צושטאַנד, אין וועלכן איר האָט זיך דאַן געפונען, מיך פאַרגעדענקט?

איך האָב איצט נאָך זיכערער אַרײַנגעבליקט אין אירע קינדיש לויטערע, גרויס צעעפנטע שמאַראַגד־גרינע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט זיך געשפּיגלט אַ מאַטער גלאַנץ, און איבער זיי — לאַנגע וויעס, און נידעריקער — איר קליינע נאָז, עט־וואָס פאַרריסן אַרויף צו.

— ווי רופט מען אײַך, דאָקטער?

— און אַז איר וועט וויסן? — טאַטיאַנאַ אַלעקסעיעוונאַ רופט מען מיך.

— טאַטיאַנאַ, אַ שיינער נאָמען, — ט אַ ט י אַ נ אַ.

— דערמאָנט אײַך דער נאָמען אין עמעצן?

— באַזוכט אונדז וואָס עפטער, כ'בעט, — האָב איך אַרויסגעמורמלט. אירע אויגן האָבן געענטפערט: יאָ!

*

פון זינט יענעם אָוונט פלעגט טאַטיאַנאַ אַלעקסעיעוונאַ קומען וואָס עפטער, שפּעטער — אַפילו אַלע טאָג. זי פלעגט פאַר מיר מיטברענגען צוויי רעפטלעך ווײַס ברויט, אָנגעשמירט מיט קאָנדענסירטן מילך, אָדער מיט פּאָווידלע. מיט פאַרטרויערטע אויגן פלעגט זי קוקן, און דערציילן וועגן דער הונגערבלאָקאַדע אין לענינגראַד, ווו אויך איר פאָטער, אַ באַוווּסטער ביאָלאָג, איז געשטאָרבן פון הונגער. דערציילט דעם וועג אירן, ביז זי איז דערקומען אַהער צו, קיין סווערדלאָווסק.

נאָך איידער זי האָט געלערנט מעדיצין האָט זי שטודירט ליטעראַטור, מוזיק. מיט אַ באַזונדערער הנאה פלעגט זי אויף אויסנווייניק פאַרלייענען יעסענינען. און זי דערמאָנט:

לאָמיר זיצן אין דער שטיל דאָ
אויג אויף אויג מיט די באַגערן.
כ'וויל אין בליקן גוטע, מילדע —
שטורעם פון געפילן הערן.

ס'איז די צײַט איצט דאָרט די שענסטע:
האַרבסט, דער קליאָן, די ליפּעס — בענקען,

טאָפּן, ווי מיט הענט, די פענצטער,
זוכן ווערמען זיי געדענקען.

איבערגעזעצט: י. פּאַפּיערניקאָוו

מיר פלעגן אָפט זיצן אינעם ביבליאָטעק־צימער. דאָרט איז געווען וואַרעם. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ פּיאַנע. טאַטיאַנאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט ליב געהאַט דעם אינסטרומענט. עס דער־מאָנט איר — פלעגט זי זאָגן, — איר היים אין לענינגראַד...

אירע פּאַרטרוימטע אויגן האָבן אָנגענומען אַ מילדערן, פריידיקערן אָפּגלאַנץ. ווי מיט פליגל־שוועבנדיקער לײַכט־קייט האָבן זיך באַוועגט אירע הענט, ווי זי וואָלט דורך קלאַנג און וואָרט וועלן זיך דערהייבן און אַ פלי טאָן צום פריידלעכן עבר. האָבן דעמאָלט אירע זינלעכע ליפּן זיך באַפּײַכט ווי מיט טוי און שפּילעוודיקער חן האָט זיך באַוויזן אויף אירע מויל־ווינקלען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז געקומען די צײַט אויסצושרײַבן מיך פון שפּיטאָל. אויפן הויף האָט שוין געוואַרט אויף מיר דער שליטן פון באַ־טאַליאָן.

צום ערשטן מאָל האָב איך איצט דערזען די שפּיטאָל־גע־בײַדע פון דרויסן. אַרום דער נישט־גרויסער געבײַדע — סאָס־נעביימער. הגם ס'איז נאָך אַלץ געווען אײַנגעהילט אין שניי האָט זיך שוין אָבער געפילט דער שאַרפער אוראַלער פרי־לינג.

כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, געזוכט מיט בליקן. אין דער דרויסנדיקער טיר איז געשטאַנען טאַטיאַנאַ אַלעקסעיעוונאַ. אַ זונענשײַן האָט באַגאָסן איר ווײַס געזיכט, גאָלדיק האָבן זיך

אויסגעטיילט אירע גלאַטע האָר. די פרישקייט פון איר אויגנ־גרין האָט געלאָקט, געצערטלט, געטרייסט. דער שליטן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט אין וועג. אירע בליקן באַגלייטן מיך — ביז הײַנט...

די פרוי אין ווײַסן

אין די לאַנגע שפּיטאָל־קאָרידאָרן איז געווען אומהיימלער איינזאַם, נישט איבעריק וואַרעם, שוואַך באַלויכטן, און דער איבלדיקער שפּיטאָל־גערוך האָט נאָך מער באַשווערט דאָס געמיט.

אין די אָוונט־שעהען איז געווען טויט שטיל. פון צײַט צו צײַט איז די שטילקייט געשטערט געוואָרן דורך די סקריפּענדיקע רעדלעך פונעם וועגעלע, אויף וועלכן וויעראָטשקאַ, די באַדינערין פונעם מתים־שטיבל, פלעגט דורכפירן די „פּאָקאָי־ניקעס" אין סעקציע־זאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין צווייטן עק פון קאָרידאָר.

די שויבן־פענצטער האָבן זיך פאַרצויגן מיט זילבער־גלאַנציקע פראָסטבלעטער. אין דרויסן האָט געטונקלט, בלויער שאָטן האָט באַפאַרבט דעם ווייכן שנייגעבעט פון דעם אַרומיקן שפּיטאָלהויף.

אַ מאַנאַטאַנער אָפּהילך פון די אייגענע טריט האָט פאַרטיפט אין מיר דעם אומעט און דעם לאַנגוויַיל. כ׳האָב זיך פאַר־האַלטן אַ ווײַלע בײַ די ברייטע טרעפּ, וואָס זענען געווען פאַר־שפּרייט מיט אַ טונקל־רויטן פּליוש־טעפּעך. די טרעפּ האָבן געפירט אַרויף צו, צו דער אָפּטיילונג פאַר אינערלעכע קראַנקייטן. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ קליינער צימער, באַשטימט פאַר די דיזשורירנדיקע דאָקטוירים. אַ געפיל פון אַן אומבאַשטימטן נײַגער האָט מיך געצויגן אַ בליק צו טאָן אַהין צו. די טיר פונעם צימער איז געווען האַלב אָפן, דער־נעבן, בײַ אַ קליין טישל פאַרוואָרפן מיט פּאַפּירן, איז געזעסן אַ יונגע פרוי.

שוין אַ צײַט אַז אָט די דאָזיקע פרוי האָט געצויגן אויף זיך מײַן אויפמערקזאַמקייט. שטענדיק אין דער זעלביקער צײַט פלעגט זי אײַליק פאַרבײַגיין דעם קאָרידאָר, אָנגעטאָן אינעם בלאַנק־ווײַסן שפּיטאָל־מאַנטל. יעדעס מאָל, אַז כ׳פלעג זי זען, האָט מיך מאָדנע אָנגענעם באַאומרויִקט.

זי איז געווען פון מיטלוווקס, און אַ צאַרטע גראַציע האָט געצייכנט אירע שמאָלע אַקסלען, איבער וועלכע ס׳האָבן זיך פּעדאַנט און זאָרגעוודיק אַריבערגעוואָרפן גלאַט געקעמטע פלאַטין־בלאָנדע האָר, מיט אַ העל־בלויער באַנד דורכגע־פלאָכטן.

אַ תּמימותדיקער, ליבער שמייכל פלעגט זיך באַווײַזן אויף איר פּנים, בעת זי פלעגט אָפּענטפערן אויף אַ באַגריסונג.

איך פלעג אָפּוואַרטן די צײַט, ווען זי פלעגט אָנקומען. מיר איז געווען גוט מיט אָט דער געהיימעניש פון קאָנפידענציאַ־נעלן אָפּוואַרטן. דאָס איז געווען קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, אַ יונגע דאָקטאָרין — אַ כירורג.

אין איינעם אַן אָוונט. אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער

אָפּענער טיר פֿונעם צימער, נישט פֿעיִק געווען אַ שפּאַן צו טאָן פֿאָרויס און נישט צוריקציִען זיך, און זי האָט עס דײַט־לעך באַמערקט. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגריסט און זי האָט מיך געבעטן אַרײַנגיין.

כ'האָב דערפֿילט אַ לײַכטן קאָפּשווינדל, אַ פֿאַרשנעלערטן האַרצקלאַפּן, און זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן...

— ביטע — האָט זי אַ זאָג געטאָן — זיצט. דאַכט זיך — האָט זי פֿאָרגעזעצט, ווי וועלנדיק מיך אַרויספֿירן פֿון דער פֿאַרלעגנהייט — אַז מיר זענען באַקאַנט. שוין באַמערקט אײַך איינינקע מאָל אין קאָרידאָר.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דעם קלאַנג פֿון איר שטים, געזען איר פּנים פֿון דער נאָענט. אַ וואַרעמקייט האָט געשטראָמט פֿון אַיעדן שטיל אַרויסגעזאָגטן וואָרט אירן. כ'האָב קוים באַוויזן אויפֿצונעמען וואָס זי רעדט. די איינזאַמ־קייט איז ווי פֿאַרשוווּנדן, ס'האָט אַ ווייע געטאָן מיט היימיש־קייט אין דער פֿרעמד, און אַפֿילו די פֿריִערדיקע פֿאַרלוירנקייט איז אַפּגעטראָטן. כ'האָב זיך דערפֿילט פֿרײַ און געפּאַנגען צו גלײַך. ס'האָט מיך באַהערשט איר נאָענטקייט.

— זענט איר, הייסט עס, אַ פּוילישער פּליט, געדינט אין דער אַרמיי און דער גורל האָט אײַך פֿאַרוואָרפֿן אַהער צו אונדז. אַ ווײַלע איז זי געבליבן זיצן פֿאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פֿון איר האַנטטאַש אַ קליין שאַכטעלע מיט אַ רויטער לענטע פֿאַרבונדן, אויפֿגעעפֿנט עס און מיט אַן אינ־טימען זשעסט אויסגעשטרעקט איר האַנט, באַווײַזנדיק מיר אַ מעדאַל אויף אַ זײַדבאַנד.

— דאָס האָב איך הײַנט באַקומען, — האָט זי געזאָגט, — צוגעשיקט פֿון דער הויפּט־קאָמאַנדע פֿון דער אַרמיי. אַן אויסצייכענונג פֿאַר מײַן מאַן, אַ פֿליִער, געפֿאַלן בײַ דער

פּאַרטיידיקונג פון מאָסקווע. — און אַט איז פאַרשוווּנדן דער לויטערער גלאַנץ פון אירע אויגן. אַ טיפער ווייַ האָט איצט אַרויסגעבליקט פון זיי. די אויגן — מיט טרערן אָנגעגאָסן, אָבער געוויינט האָט זי נישט. איין טרער האָט זיך ווי אַרויס־געגנבעט און זיך אַראָפּגעגליטשט איבער איר באַק. אַ ווײַלע נאָך באַטראַכט, צערטלענדיק מיט די בליקן די אויסצייכענונג און צוריק פאַרמאַכט דאָס שאַכטעלע.

— דאָס איז פאַרבליבן, — האָט זי אויסגעפּליסטערט, — יאָ, אויך אונדזער אַנדערטהאַלבן־יאָריק קינד...

יענעם אָוונט האָבן מיר נאָך לאַנג גערעדט. כ׳בין אין גאַנצן באַהערשט געוואָרן פון אַן אויסמיש פון גליק־ און צער־גע־פילן פון אַט דער באַגעגעניש. געזעגענענדיק זיך האָט זי מיר דערלאַנגט אירעביידע הענט. כ׳האָב קוים באַרירט אירע פינ־גער מיט מײַנע ליפּן און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

לאַנג, לאַנג האָב איך יענעם אָוונט אַרומגעשלײַכט איבער די גאַסן פון סווערדלאָווסק און נישט געוווּסט וואָס באַ־הערשט מיך שטאַרקער — דער מיטגעפיל, דער צער, צי די אויפגעהײַטערטקייט פון דערשפּירן אַ ליכטשטראַל אין טעג פון נע ונד.

*

קלאַוודיאַ מיכאַילאָווּנאַ האָט פאַרמאַגט אַ זייער מילד געמיט. מסוגל געווען מיט איר פריידיקן הומאָר באַווירקן, העלפן, לינדערן מײַן שווערע שטימונג אין יענע טעג. און זי איז קוים אַלט געווען 26 יאָר.

אַ שיטער באַווינטער וועג האָט געפירט ווײַט פון צענטער שטאָט צום אָרט וווּ זי האָט געוווינט. פון איין זײַט וועג האָט זיך געפונען די טורמע, פון דער צווייטער זײַט — דער בית־

עולם — די „קלאַדבישטשע״. אין די פאַרנאַכטן פלעג איך זי באַגלייטן אַהיים. געשטאַנען פאַר איר קליין הײַזל ביז שפּעט, געפלוידערט וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט. יעדעס מאָל, הגם אין די זעלביקע באַשיידענע קליידער, האָט זי מיר אויסגעזען אַנדערש, ווי אין נײַעם רייץ.

*

עס איז געווען אין דער נאַכט פון ערשטן יאַנואַר. אין די גאַסן האָט זיך געפּילט אַ הײַטערקייט, כאָטש די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען. מענטשן האָבן זיך געאײַלט צו פרײַנד, צו באַקאַנטע — באַגעגענען דאָס נײַע יאָר.

אין יענעם אָוונט בין איך געקומען פון גאַס אַ פאַרביטער־טער, אַ פאַרבענקטער. דאָס קליינע קעלער־צימערל מײַנס, וואָס האָט זיך געפונען אין דער שפּיטאָל־געבײַדע, ווו איך האָב געאַרבעט, איז פול געווען מיט עלנט, מיט אומעט. כ׳בין אַ מידער אַנידערגעפאַלן אויפן אײַזערנעם בעטל.

די שטוב איז מיר דאָס מאָל פאָרגעקומען פרעמדער ווי שטענדיק, אָנזעעוודיקער זענען געווען די פאַרגעלטע, גרויע ווענט, אויף וועלכע עס זענען בולט געווען שימל־גרין־שוואַ־מיקע פלעקן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעפרעסן אין יעדן ווינקל. דאָס שמאָלע, לאַנגע פענצטער, פאַרטיפט אין דער דיקער וואַנט, האָט מער דערמאָנט אַ טורמע־צעל ווי אַ וווינונגס־צימער. אַ קוים־קוימע וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פונעם קליינעם פײַערקיכל, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפּאַרעט אַ טעפּל וואַסער.

אַ וויסטע איינזאַמקייט האָט אַרײַנגעווייעט פון דרויסן. כ׳בין געלעגן מיטן פּנים אַרויף און געקוקט אויפן סופיט, אויף די משונהדיקע געזיכטער און פיגורן, וואָס האָבן זיך

געצייכנט אויף די אָפּגעשיילטע פּליכעס פון דער סטעליע. אַ בענקשאַפט האָט גענאָגט און גענאָגט.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט, ווי עמעצער וואָלט זיך פאַר־גנבעט אויף די שפּיץ פינגער. אַ ווײַלע זיך אײַנגעהערט, אינ־סטינקטיוו האַסטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און — דערזען קלאַוודיען. כ'האָב נישט פאַרשטעלט מײַן איבערראַשונג, נישט געצוימט די פרייד. געפילן פון גליק האָבן געשפּאַרט אין מײַן צערודערט געמיט.

אין די פונאַנדערגעוויגטע שאָטנס אין דעם בלאַסן ליכט פונעם הענגלאָמפּ האָט איר געשטאַלט אויסגעזען צו זײַן העכער ווי שטענדיק. ציכטיק האָט געבלאַנקט די ווײַסקייט פון איר שפּיטאָל־מאַנטל, וואָס האָט איר זייער געקליידט. צום ערשטן מאָל, אַז קלאַוודיאַ האָט מיך באַזוכט.

אונדזערע בליקן האָבן זיך שטראַלנדיק באַגעגנט. מיט איין שפּאַסיק וואָרט האָט זי פאַרטריבן די פאַרלעגנהייט אין מיר. פריידיקייט האָט געקוואָלן פון איר געלעכטער, פונעם צע־שמייכלטן מויל האָבן געהנט די ווײַסע ציין אירע, וועלכע כ'האָב אַזוי ליב געהאַט.

נישט וואַרטנדיק אויף מײַן אײַנלאַדונג האָט זי זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ ברעג פונעם בעט. ראָזע פלעמלעך האָבן זיך באַוויזן אונטער דער מאַטער הויט פון איר געזיכט, לויטער־קייט איז געווען אין איר אויגנבליי, די פליגלען פון איר קליינער גראָדער נאָז האָבן זיך געצאַפּלט. זי האָט צוגעבויגן איר קאָפּ. די האָר האָבן זיך נאָכלעסיק, צערטלענדיק פונאַנ־דערגעשאָטן איבער מײַן פּנים און געדופטעט מיט יאַסמין־בליטן. כ'האָב אײַנגעהויכט אין זיך איר אָטעם ווי אַ תּפֿילה, און דערשפּירט דעם צויבער־סוד. מײַנע שפּיץ פינגער האָבן

באַרירט די רונדן פון אירע אַקסלען, פיבערנדיק געפינגערט איבער איר האַלדז.

עס האָט אויך נישט געפעלט אַ ביסל משקה. אין היימישער וואַרעמקייט האָבן מיר באַגריסט דאָס נײַע יאָר. אויך דער קע־לער האָט באַקומען אַ יום־טובדיקן אויסזען. קלאַוודיע האָט אין צאַרטע, מעלאַדישע טענער געזונגען מײַן ליבלינגליד:

„נאָטש סוויעטלאַ נאַד רעקאָי, טיכאַ סוועטיט לונאַ, וו עטו נאָטש, מילי מאָי, ווספּאָמני אָבאָ מניע..."

איבערן טײַך הילט די נאַכט,
די לבנה לײַכט און איז שטיל,
אין אָט דער נאַכט, ליבער מײַן,
דערמאָן דיך אין מיר.

— —

עס איז געקומען דער טאָג פון עוואַקואַציע. צוריק קיין פּוילן. דער עשעלאָן איז געשטאַנען גרייט אָפּצופאָרן. די לעצ־טע האַמערקלעפּ איבער די רעדער פון די וואַגאָנען האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער סיגנאַל קומט אָן. פרײַנד און באַקאַנטע זע־נען געקומען געזעגענען די אָפּפאָרנדיקע.

אין די לעצטע מינוטן איז אויך קלאַוודיע געקומען.

ביידע האָבן מיר געמאַכט דעם אָנשטעל פון זײַן גוט אויפ־געלייגט. גערעדט האָבן מיר נישט, אָבער אויך אויף צו שווײַגן איז נישט פאַרבליבן קיין סך צײַט: אונדזערע הענט האָבן זיך באַרירט. זיך געזעגנט מיט די בליקן און ווי צום ערשטן מאָל, בעת מיר האָבן זיך באַקאַנט, האָט אויך איצט אַ גרויסע טרער זיך פאַרהאַלטן אויף איר וויִע.

אַ האַנטדרוק און נאָך אַ האַנטדרוק.

קלאַוודיאַ! איך שפּיר אויף זיך דעם באַריר פון אונדזערע געזיכטער, ווי דעם פליגל־באַריר פון אַ שמעטערלינג.

דער לײדיקער אַלבאָם

אין אײנעם אַ האַרבסטיק פֿאַרנעפּלטן אָוונט האָב איך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך מײַן סאָלדאַטסקן מאַנטל און זיך געלאָזט אין גאַס אַרײַן אין דער ריכטונג צום טײַך, װעלכער האָט קוװער אַדורכגעשניטן אין דער סאַמע מיט פֿון שטאָט.

בײַ די ברעגעס פֿון טײַך, איבער דער בריק, װוּ זומערצײַט פֿלעגט זײַן פֿול מיט מענטשן, האָט מען איצט זעלטן װעמען געזען. די בענק זענען געװען לײדיק, נישט באַזעצט. נאָר פֿון קעגן איבער האָט אַ העל באַלויכטענע געבײַדע פֿילפֿאַרביק זיך אָפּגעשלאָגן אינעם צעקאַרבטן װאַסער־שפּיגל פֿונעם אומרויִק צעכוואַליעטן טײַך. דער נעפּל־געװעב האָט צוגעגעבן מאָלערישן קאָלאָריט דער נאַכטיקער פּאַנאָראַמע.

גײענדיק לענג־אויס דעם טײַך, בײַם ראַנד פֿון ברעג, האָב איך פֿון װײַטן באַמערקט עפּעס אַ קענטיקע סילועטקע פֿון אַ פֿרוי, װעלכע איז געזעסן אויף אַ באַנק האַרט בײַם ברעג,

לײַכט אַריבערגעבויגן צום וואַסער. צוקומענדיק נענטער האָב איך גלײַך דערקענט — ד"ר גאַראַדנאָוואַ.

איר זײַן דאָ אַליין אין אַזאַ שלעכטן וועטער האָט מיך שטאַרק פֿאַרוווּנדערט, אָבער איך האָב געהאַט בדעה פֿאַר־בײַ צו גיין, ווי ווײַט מעגלעך אומבאַמערקט.

— איר גייט פֿאַרבײַ און באַגריסט זיך אַפֿילו נישט מיט מיר? — האָט איר שטים מיך אָפּגעהאַלטן.

— אויב איר אײַלט זיך נישט, בלײַבט, ביטע, דאָ מיט מיר, איך בעט אײַך. דער געבראָכענער טאָן פֿון איר שטים האָט מיך ממש איבערראַשט.

— מיט פֿאַרגעניגן, — האָב איך געענטפֿערט און זיך אַוועקגעזעצט.

— נעמט נישט פֿאַר אומגוט מײַן העזה, וואָס איך האָב אײַך פֿאַרהאַלטן. מיר זענען ווינציק באַקאַנט, הגם מײַן קאָ־לעגע — אײַער פֿרײַנדין, — האָט מיר וועגן אײַך פֿיל דער־ציילט. גוט וואָס איר זײַט דאָ, — אויסטערליש פֿאַרענדערט, נערוועז, האָט זי איבערגעחזרט דעם זאַץ, — גוט וואָס איר זײַט דאָ.

— איך הער אײַך, דאָקטאָר. איר זעט אויס צו זײַן אין אַ נישט גוטער שטימונג.

ווי זי וואָלט נישט געהערט מײַן באַמערקונג, האָט זי ווײַ־טער פֿאַרגעזעצט:

— פֿאַראַן מאָמענטן, ווען מ'דאַרף פֿאַר וועמען זיך אויס־רעדן, מיט עמעצן זיך טיילן. איך, ווי איר, בין דאָ אַ פֿרעמדע. געקומען אַהער צו פֿון לענינגראַד. די משפּחה איז פֿאַרבליבן דאָרטן. מײַן מאַן געפֿינט זיך אויפֿן פֿראָנט און שוין זינט צוויי יאָר נישט באַקומען פֿון אים קיין ידיעה. איך מוז, איר

פאַרשטייט... — דאָ האָט אַ זליפּענדיקע ספּאַזמע דערשטיקט די ווײַטערדיקע ווערטער.

אויפמערקזאַם, מיט נײַגער און געשפּאַנט האָב איך זיך צוגעהערט צו אירע רייד און באַטראַכט איר געזיכט.

מיט אַ מאָל האָט זי האַסטיק זיך אויסגעדרייט צו מיר, קראַמפּהאַפט געפּאַנגען מײַנע ביידע הענט. איר פּנים איז געוועזן שטאַרק בלייך, אַש־גרויער טרויער האָט פאַרלאָשן אירע שטענדיק מונטערע, לעבהאַפטיקע בליקן. די צעשראָקענע, גרויס צעעפנטע אויגן, אָנגעגאָסן מיט טרערן אין די ווינקלען, האָבן אויסגעדריקט פּחד, שטומען צער. די אונטערשטע ליפּ אירע האָט פיבערהאַפט געציטערט.

— וואָס איז אײַך, דאָקטאָר? — האָב איך פאַרזיכטיק געפרעגט.

— הײַנט, — האָט זי שטיל געזאָגט, ווי באַהערשט פון אַ שטאַרקער מידקייט, — האָב איך באַקומען מײַן אורטייל. מען האָט פעסטגעשטעלט בײַ מיר אַ בייזע קראַנקייט, — אַ ראַק.

אַן אַנגסטיקער שוידער איז אַדורך מײַן קערפּער און אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן.

— רעדט איר נישט פון היץ, ד״ר גאַראַדנאָוואַ? אין אײַער עלטער? בײַ אײַער בלוּענדיקן אויסזען?

— איך האָב אַליין געלייענט דעם דיאַגנאָז.

*

בעת ד״ר גאַראַדנאָוואַ פלעגט זיך באַווײַזן אין דער קליניק ערב אַן אָפּעראַציע, האָט אַ הײַטערקייט אָנגעפילט די שפּיטאָל־אַטמאָספער.

מיט אײַליקע, דראָבנע טריט פלעגט זי פאַרבײַגיין אין

אָפּעראַציע־זאַל אַרײַן, אײַנגעהילט אין פּעדאַנט ציכטיקן, בלאַנק־ווײַסן כירורגישן מאַנטל און די וויכטיקייט פון באַרופס־אויטאָריטעט האָט זיך געפילט אַפילו אין די טריט. איר שטרענג, ענערגיש, מאַט־ראָז געזיכט האָט סוגעסטירט מיט מאַיעסטעט פון אַ מלאך־הגואל.

אויך אויסער דער קליניק פלעגט ד״ר גאָראָדנאָוואַ זיך אויסטיילן פונעם איבעריקן מעדיצינישן פּערסאָנאַל מיט איר אַנדערשקייט, מיט איר רעזערווירטקייט. זעלטן מיט וועמען זיך אָפּגעשטעלט שמועסן אין די אַמטצימערן פון שפּיטאָל, וואָס דאָס האָט אַפילו געשאַפן אַ דיסטאַנס צווישן איר און אירע קאָלעגעס אין דער אָפּטיילונג. פון איר אויפפירונג האָט געוויעט בכבודיקע מיוחסדיקייט. אין איר באַנעמען זיך איז נישט געווען קיין פאַרריסענע גאווה, קיין גדלות. קאָרעקט און העפלעך פלעגט זי מיט פרײַנדלעכקייט ענטפערן אויף אַ ווענדונג, אַ פראַגע, הגם לאַקאָניש, צום ענין.

טראָץ דער דורכויס באַשיידענער האַלטונג אירער, אויסער דער פליכט און אַחריות, האָט זיך אויך געלאָזט מערקן אין איר די פרוי, — קאָקעטיש־ווײַבערישער שאַרם. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פלעגט אויך צִיִען איר עלעגאַנטע קליידונג, וואָס איז געווען אַזאַ זעלטנקייט אין די צײַטן פון די מלחמה־יאָרן.

*

זינט יענעם אָוונט פלעגן מיר זיך טרעפן עפטער. איך פלעג זיך באַמִיען אָפּלענקן אירע טראַכטענישן. גערן פלעגט זי זיך אײַנהערן אין מײַנע רייד. טייל מאָל פלעגט מיר אַפילו געלינגען צו סוגערירן איר מײַן ווילן. און אַזוי האָט צווייפל

מיט האָפענונג אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט געפרעסן איר צעריסן געמיט.

אין דער אויסערלעכקייט האָט זי נישט געגעבן צו דער־קענען איר צעווייטיקט געמיט. ווי שטענדיק, פלעגט זי יעדן פרימאָרגן מיט אײַליקע טריט פאַרבײַגיין צו זיך אין דער אָפטיילונג. אָבער אַ דינער טרויער האָט איצט פאַרשטעלט איר שטענדיק פריילעכן שמייכל, אומרויִקער זענען געוואָרן אירע בליקן, נערוועזער די טריט און אומזיכערער דער טאָן פון די אַרויסגעזאָגטע ווערטער. איר בלייך געזיכט, באַגלייט מיט אַ שמערצלעכן שמייכל, האָט נאָך מער אויסגעאיידלט איר אויסזען.

*

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, זיצנדיק אַליין, האָב איך דער־הערט אַ קלאַפּ אין טיר. די טיר האָט זיך געעפנט, עס קומט אַרײַן דאָקטאָר גאָראָדנאָוואַ.

אין אירע פרײַע און הײַטערע באַוועגונגען, באַלעבטן גע־זיכט איז געווען צו דערקענען, אַז עפּעס וויכטיקס איז גע־שען, אַ גוטע בשׂורה קומט זי אָנזאָגן. זי האָט אַוועקגעלייגט איר מאַנטל, צוגעקומען נאָענט צו מיר, ביידע הענט אירע האָט זי אַרויפגעלייגט אויף מײַנע אַקסלען און איך האָב דערפילט די וואַרעמקייט פון איר פאַרשנעלערטן אָטעם.

אומרויִק האָבן זיך באַוועגט אירע אַקסלען, צאַפּלדיק האָבן געפליסטערט אירע ליפּן, דין קאָנוווּלסירט די מויל־ווינקלען בײַ איר. קיין וואָרט אַרויסריידן האָט זי נישט גע־קענט, איינציק אירע צעשמייכלטע בליקן האָבן גערעדט.

טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן, דאָס זענען געווען פריידיקע טרערן.

— איר פרעגט נישט — האָט זי נאָך אַ לענגערער ווײַלע שטילשווײַגן געלאָסן געזאָגט, — וואָס האָט מיך איצט צו אײַך געבראַכט? איר פרעגט נישט? — האָט זי איבערגע־חזרט, ווי וועלנדיק פּראָוואָצירן מײַן נײַגער.

— איך ווייס, דאָקטאָר, אײַערע אויגן דערציילן.

— איך בין געקומען זאָגן אײַך אַ דאַנק, אַ דאַנק פֿאַר אַלץ, פֿאַר אַלע אײַערע היילווערטער, מיט וועלכע איר האָט זיך באַמיט אויפצוהאַלטן אין מיר אַ שטראַל פֿון האָפענונג. איר האָט געוואָלט איך זאָל זײַן געזונט. איך בין געקומען אײַך אָנזאָגן, אַז איר האָט געהאַט רעכט. אָקערשט האָט פּראָפעסאָר ראַטנער מיך אויפגעזוכט, דער איינציקער, וועל־כער האָט די גאַנצע צײַט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פֿון דער דיאַגנאָזע, און ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַלע לעצטע אונטערזוכונגען זענען נעגאַטיוו. — בין איך, הייסט עס, — געזונט?!

— איך פֿריי מיך, דאָקטאָר, מיט אײַער פֿרייד.

— איר קענט מיך רופֿן לאַריסאַ, אָדער גאָר פּשוט — לאַראַ.

— הײַנט, — האָט זי פֿײַערלעך אויסגערופֿן, גייען מיר ביידע אין טעאַטער. אַן אַנסאַמבל פֿון לענינגראַד פֿירט אויף „איגאָר בולאַטשאָוו” פֿון מאַקסים גאָרקי.

אַ גליקלעכע פֿרייד האָט ממש פֿון איר אַרויסגעזונגען, אַ פֿרייד פֿון אַ צוריקגעוווּנען לעבן...

*

אַ פּראַסטיק טרוקענער אָוונט, אָן ווינט. דער הימל איז געווען אויסגעזעצט מיט שטערן, וועלכע האָבן געפֿינקלט

ווי דימענטן און דער שניי האָט סקריפּענדיק באַגלייט אונד־זערע טריט.

דער וועג צום טעאַטער האָט געפירט דורך דער בריק איבערן טײַך. אינסטינקטיוו האָבן מיר ביידע זיך פאַרהאַלטן און באַטראַכט די קעגן איבערדיקע פּאַנאָראַמע. אַ העלע לבנה־שײַן האָט באַזילבערט דעם געלאָסן פליסנדיקן טײַך און סודותפול באַלויכטן די שטילע שלווה אַרום.

קענטיק אַז טרויעריקע דערינערונגען האָבן אויפגעטויכט אין איר, — דערינערונגען פון יענעם קריטישן אָוונט, ווען מיר האָבן זיך דאָרט באַגעגנט.

— קומט פון דאַנען, קומט, איך בעט אײַך, — האָט שטיל בעטנדיק געפליסטערט איר שטים.

*

די שײַן פון פריילעך באַלויכטענעם טעאַטער־זאַל האָט נאָך בולטער געמאַכט איר צעשטראַלט, צופרידן געזיכט. דער קלאַנג פון איר שטים איז געוואָרן אָנגענעמער און געמיט־לעכער. אַן אָפּגעפרישטער גרין האָט באַלעבט אירע אויגן, אויסגעגלײַכט איר שלאַנקע פיגור, עפעקטפולער אונטער־געשטראָכן איר עלעגאַנטע האַלטונג.

אויף צוריקוועגס האָבן מיר זיך געטיילט מיט אײַנדרוקן און באַמערקונגען וועגן דער טעאַטער־פאָרשטעלונג.

— הגם, — האָט לאַראַ צו מיר געזאָגט — די טראַגישע געשטאַלט פון איגאָרן איז אַ סימבאָלישע, אַן אַלוזיע צו דער תקופה, האָב איך אָבער הײַנטיקן אָוונט שטאַרקער ווי ווען עס איז פאַרשטאַנען, מיטגעפילט און מיטגעליטן, ממש זיך אידענטיפיצירט מיט זײַנע, — מיט איגאָרס יסורים. מיט־געלעבט זײַן געראַנגל מיט דער בייזער קראַנקייט זײַנער...

— האָט איר זיך צוגעהערט צו איגאָרס הילכיק־ציניִשן געלעכטער, זײַן שפּאָט איבער אַלץ און אַלע? איר האָט געהערט ווי איגאָר האָט באַפֿוילן גאַווריִלאָ טרובאַטשן בלאָזן אין זײַן טראָמפּייט, לאָזן העכער הערן דעם חוזק־פּעסטי־וואָל איבער גאָט, איבער מענטש, איבער וועלט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט, נאָך יאָרן, זיץ איך בײַ מײַן טיש, בלעטער זײַט נאָך זײַט דעם בילדער־אַלבאָם, וועלכן לאַראַ האָט מיר געגעבן אַ מתּנה צו מײַן אָפּפֿאָרן פֿון סווערדלאָווסק. אַ ליידיקער אַל־באָם, מיט אַן איין און איינציק בילד...

איך פֿיל אויס מיט זכרונות די ליידיקע בלעטער פֿונעם אַלבאָם.

AVE MARIA

א האַמעטנער, טיף מאָנאַטאָנער גלאָקן־געקלאַנג האָט זיך געטראָגן פונעם טורעמשפּיץ פון דער „דריַי־אייניקייט״־קירך. די קירך, אין גאָטישן סטיל, איז געשטאַנען נישט וויַט פון צענטער שטאָט, אויף אַ בערגל, צווישן ביימער, אין דער נאָענט פון פראַנציסקאַנער אָרדן.

רחבותדיקע, ברייטע טרעפּ פון וויַסן מאַרמאָר האָבן גע־פירט אַרויף צו צו דער קירך.

פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די ברייטע, שווערע טיר פון קלויסטער האָט מיך באַהערשט אַן אומהיימלעך געפיל, ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלע מתפּללים ווענדן זייערע בליקן אין מיַין ריכטונג.

דער מאַיעסטעטיש פון דער קירכלעכער אַטמאָספער האָט מיך באַאיַינדרוקט. דער אינעווייניקסטער אויסזען פון דעם קלויסטער־גיגאַנט, וואָס איז געווען רוימיק, הויך, האָט פאַר־

כּאַפּט דאָס אויג. פון יעדן ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ מין סודותפולע פּאַרבט.

אַ פּורפּל־רויטער טעפּעך, ווי אַ רויטע באַנד, האָט זיך גע־שפּרייט אינעם לאַנגן דורכגאַנג צווישן ביידע זײַטן בענק און ווײַסע זײַלן, וועלכע האָבן געפירט לענג־אויס ביז צום פּאָדיום פון אַלטאַר, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ קרייץ, אײַנגעפּאַסט אין שפּיגלגאָלד־שטראַלן. דער אַרויפגאַנג צום רײַך געשניצטן אַלטאַר איז געווען מיט טיף ווײַסן פּליוש גע־בעט. די גראַדליניקע ליניעס פון גאָטיק האָבן געגרייכט צו די שפּיצן־רונדונגען אין די געוועלבטע טיפן פון סופיט. אַלץ אַרום איז געווען באַצירט מיט פאַרבנרײַכע פרעסקאָ־מאָלע־רײַען; שטיין־ און האָלץ־אינקרוסטאַציעס, זײַד און גאָבעלען, אָרנאַמענטן און גראַווירן. פון די הייכן האָבן געבליכטערט גלאָז און קרישטאָל פון הענגלאָמפּן, וועלכע האָבן פאַר־בלענדט מיט זייערע טויזנטער ליכטער. פון די זײַטיקע נישעס און אַלטאַרן האָבן רויטע נר־תּמיד־פלעמלעך געפינקלט.

די ווענט אַרום זענען געווען באַהאָנגען מיט הייליקע געמעלן אין טיפע ראַמען אײַנגעפּאַסט: „די לעצטע סעודה״, „ישו מיט זײַנע תּלמידים״, „די קרייציקונג״, נאָך העכער — דאָס בילד, — ווי מרים דערלאַנגט אויף אירע הענט דעם גע־קרייציקטן די מלאכים. פון די וויטראַזשן האָט אַ ים פון פאַרביקן רעגן־בויגן־ליכט פאַרגאָסן אַלע עלעמענטן אין דער אַרכיטעקטאָנישער אידיליע.

אינעם סאַמע העכסטן פּונקט פון דער צויבער־פּיראַמידע האָט זיך געזען די נישט־גרויסע סטאַטוע פון דער הייליקער מאַדאָנע. פון די איידלשטיינער און די קרישטאָלענע געשלי־פענע פײַנהייטן האָבן אַראָפּגעשײַנט זוניק־העלע שטראַלן. די באַרירפּונקטן פון די שטראַלן און זייערע קרייצונגען האָבן

געשאַפן די פאַנטאַסטיש־מעגלעכע וואַריאַנטן און קאָמבי־נירונגען פון אָפטישער פראַכט. דאָס אויג ווערט פאַרבלענדט פון דעם שימערירנדיקן, זוניקן, מילדן אָרעאָל אַרום דער מאַדאָנע: אַ כּישוף־קאַליידאָסקאָפּ פון העל־געל־ווײַסן ליכט. אַ געטלעכע מיסטעריע, עסטעטישער גענוס, אַ פאַנטאַסטישע רעאַליטעט, עס דאַכט זיך אַ ווײַלע אויס, אַז דאָס איז די וועלט אויסערהאַלב איר ערדישן תּחום, אַ צעשטראַלטע קרישטאָלקויל.

אומבאַמערקט זענען דערשינען פוןביידע זײַטן אַלטאַר צוויי רייען נזירות אין בלאָס־געלע, לאַנגע קלאָשן־קליידער, פאַרמאַכטע ביז אונטערן האַלדז מיט ווײַסע רונדע קאָלנערס, געגאַרטלט מיט ווײַסע שאַרפן. אַלע נזירות, ווי איין הייך, פאַרמאָגן ענלעכע געזיכטער, ווי לויט איין מאָדעל. פאַר די נזירות, — אַ שורה קינדער מיט ליכט אין די הענט.

נישט פרײַ פונעם רושם פון דער אַרומיקער אַטמאָספער, שטיי איך נאָענט צום אַלטאַר אין נערוועזער געשפּאַנטקייט און זוך פיבערהאַפט מיט די בליקן, באַמי זיך צו דערקענען צווישן די נזירות די, וועלכע דאַרף זיך געפינען צווישן זיי — העלענאַ. איך זע זי נישט.

אין דער טויטער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין קלויסטער, זענען געפאַלן די ווערטער:

In nomine Patris et Filli et spiritus Sancti — Amen.

און אינעם מאַיעסטעט פון דער קירכלעכער שטילקייט זע־נען אויפגעגאַנגען קלאַנגען, פאַסטאָראַלע טענער, וועלכע האָבן אויסגעפילט דעם רוים פון אַקוסטישער האַרמאָניע: דער כאָר, באַגלייט פון אָרגל, האָט געזונגען „אווע מאַריאַ״.

אַ תּפילה האָט צאַרט אויסגעציטערט אויף סטרונעס פון אַ האַרפּע. אַ חלום־דינער קלאַנג האָט זיך איינגעפּישופּט אינעם נעפּל־בלויען געוועב פון אויפגייענדיקן ווײַרויך.

די לויטערע קלאַנגען פון אָרגל און כאָר — איין געטלעכע סימפאָניע — האָבן האַרמאָניש אָנגעפילט די קאַלטע קירכ־לעכע אַטמאָספער. שטילע מעלאָדישע וואַריאַנטן האָבן בהדרגה געשטײַגט העכער און העכער, לויטער און ריין, ווי דער געוועלב פון הימלישן בלוי.

די הויך און גראַד געוואַקסענע נאַרציזן און כריזאַנטעמעס האָבן שטאָלץ אַרויסגעקוקט פון די וואַסער־פּאַנטאַנען אין ביידע ווינקלען, האָבן אויף זייערע בלומען־פליגל דערהויבן די תּפילה־אַקאָרדן פון „אַווע מאַריאַ", זיי פאַראייניקט מיטן שוועבנדיקן זוניקן ווײַס־געל אַרום דעם אָרעאָל פון דער מאַדאָנע.

קלאַנג, ליכט, קאָלאָריט, בלומען און ווײַרויך — אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין צויבער־סימפאָניע „אַווע מאַ־ריאַ"... און דאָן, צווישן כאָר, האָב איך באַמערקט די, וועלכע כ׳האָב געזוכט, — העלענאַ... כ׳האָב זי גלײַך דערקענט.

*

ווי לאַנג דען, מיט איניקע יאָר צוריק, פאַר דעם אויסבראָך פון דער מלחמה, פלעג איך זי, וועלכע פירט איצט אָן מיטן כאָר, אָפּוואַרטן לעבן דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, באַגלייטן זי אַהיים אויף פאָזנאַנסקאַ־גאַס. העלענאַ, — די „שיינע העלענאַ", — ווי מיר פלעגן זי רופן, — אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן ייִדישן סוחר.

די געדאַנקען מײַנע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ צווייטער וועלט, אין אַן אַנדערער צײַט און אַטמאָספער. סי־

טואַציעס, בילדער, עפּיזאָדן האָבן אויפֿגעטויכט אין מײַן זכּרון און האָבן פֿאַרגאָסן מײַן געמיט. ס'האָט זיך מיר דער־מאָנט יענער טאָג, ווען העלענאַ האָט אָפּגעגעבן איר קאָנ־צערט־עקזאַמען. ווי גליקלעך זענען דאָן געווען אירע על־טערן.

און נאָך פֿריִער, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף אַן אויספֿלוג אין די קאַרפּאַטן־בערג, אין טאַטאַרוּוו, וווּ זי האָט געוווינט אין אַ פֿויערישער כאַטע, באַדעקט מיט אַ שטרוי־דאַך, אַרום דער כאַטע אַ ליימענע פּריזבע, אַ געפֿלאָכטענער האָלצפּלויט און לעבן פּלויט אַ ברונעם.

גרינע שלווה, קילע שטילקייט האָט אײַנגעהילט דעם באַר־גיקן אַרום, נאָר פֿון ווײַטן האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּהילך פֿון אַ האַק, וועלכע איז געפֿאַלן אויף אַ שטאַם פֿון אַ בוים און דער גערויש פֿון אַ וואַסערפֿאַל, וועלכער האָט זיך זילבערדיק געשלענגלט צו די בערגטאָלן.

אין די פֿאַרנאַכטן פֿלעגן מיר אַרומשפּרײַזן אינעם מילדן שיסלטאָל פֿון טאַטאַרוּוו. אין דעם שאַרף צעצונדענעם זון־פֿאַרגיי האָט זיך געגאָלדט די קאָרע־שאָלעכץ פֿון די יונגע סאָסנעביימער. די אָנציִענדיקע נאַכטוואָלקנס האָבן ווי באַ־רירט די שפּיצן־קרוינען פֿון די אין נעפּל פֿאַרשלייערטע ביי־מער. וואַלדגרין און באַרגבלוי, אַלע ניואַנסן פֿון פֿיאָלעט און אָראַנזש האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער געדיכטער צווײַגנ־נעץ.

העלענאַ איז דאָן געווען אָנגעטאָן אין איר סטודענטישן ווײַסן מונדיר, מיט אַ רויטער בלום אין לאַץ, ווי אַ נייטיקער אַקצענט אינעם טיף־גרין.

יעדע ווײַלע, בײַ יעדער ליכט־ענדערונג האָבן אויף אירע אויגן געענדערט זייער קאָלירן־ניואַנס. ווי פֿון אונטער אַ די־

נעם פּערלמאַטן, דין צעשטויבטן נעפּל, האָבן אַפּירגעבליקט אירע שאַפּיר־בלויע, גרין־גרויע, יוגנטלעך פּאַרטראַכטע תּמימותדיקע אויגן.

פונאַנדערגעוויִעטע דורכן ווינטל, האָבן פּאַסמעס האָר געצערטל די ליפּנרונדן פון איר מויל.

שפּעטער דער אָפּשייד־אָוונט בײַ זיי אין דער היים, אין גרויסן גאָרטן, ערב איר אָפּפּאָרן קיין רוים ממשיך צו זײַן איר מוזיקאַלישע בילדונג. עס זענען דאָן געקומען אירע פרײַנד, די לערערס. געלעכטער, פריילעכקייט, זאַטקייט האָט גע־הערשט אַרום. — העל האָט געקלונגען איר קאָלאָראַטור.

איך האָב זי באַטראַכט: די זעלביקע תּמימות אין איר רונדן געזיכט, עטוואָס אָנזעעוודיקער די קינבײנער, טיפער די רונדן פון וועלכע ס'האָבן זיך געזען אירע גרוי־בלויע אויגן, ווי מיט אַ נעפּל פאַרוועבטע, טריבע און פאַרטראַכטע. פון אירע פו־לע קליינע ליפּן, וועלכע האָבן זיך קוים מערקבאַר באַוועגט, האָט זיך געטראָגן „אַווע מאַריאַ". די אַמאָליקע בלאָנדע גע־לאָקטע האָר אירע זענען געווען פאַרשטעלט מיט אַ נזירישן קאָפּצודעק און די שמאָלע פיגור אירע איז זיך ווי צונויפגע־פאַלן מיט די שלאַנקע ליניעס פון גאָטיק אינעם קירכלעכן הינטערגרונט. דער שוואַרצער קרייץ, וואָס איז געהאָנגען אויף איר האַלדז האָט זיך ווי מיט אַ פײַערקרייץ־שניט אויס־געטאַטווירט אויף מײַן גוף.

מײַנע אָנגעשטרענגטע בליקן האָבן שפּיזיק דירעקט צו איר אַרויפגעקוקט. כ'האָב געוואָלט סוגערירן איר מײַן אויפמערק־זאַמקייט. נאָך לאַנגע מינוטן איז עס מיר געלונגען און אונד־זערע ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט און צונויפגעגאָסן.

פאַרזיכטיק האָב איך מיטן פינגער אין דער לופט געצייכנט די איניציאַלן פון איר נאָמען. אַ נערוועזער ציטער האָט זיך

אַדורכגעריזלט איבער איר געזיכט, וועלכער האָט באַשטע־טיקט און ווי געזאָגט: „איך זע דיך״. די ליפּן אירע זענען ווי אין גליווער פאַרשוויגן געוואָרן, נאָר צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט פון די אויגן און זיך געשלענגלט איבער אירע באַקן, ענלעך צו די טריפנדיקע טראָפּנס פון די חלב־ליכט, וועלכע די קינדער האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט.

אײַנקוקנדיק זיך אין אירע מוילווינקלען, אין וועלכע ס׳האָבן געגעסטעט שפּורן פון פּײַן און יסורים, האָב איך שוין מער נישט געהערט די שיינע קלאַנגען פון אָרגל און די שטימען פון כאָר.

*

פאַרלאָזנדיק די קירכע האָב איך דערשפּירט אַ דערלײַכ־טערונג, באַפרײַט זיך פון אַ לאַסט, פון אַ פרעמדער פּראַכט.

פאַרשידענע מחשבות האָבן אָבער געפּײַניקט מײַן מוח: העלענאַ פון פּאָזנאַנסקאַ־גאַס. זי האָט געוויס געמעגט, באַ־דאַרפט ראַטעווען איר לעבן. אָבער איצט?... ווי אַזוי איז צו פאַרשטיין דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געזען: אמונה? פּחד? דער ווילן צו אַנטלויפן פון זיך אַליין? דאַנקבאַרקייט?...

איך האָב געזען אירע טרערן. אין זיי איז געווען הילפלאָזי־קייט, פאַרשעמטקייט און אפשר חרטה?

די ציגײַנערין

איין שטאָק העכער איבער מײַן צימער האָט געוווינט אַ יונגע פרוי. אין די שפּעטע אָוונט־שעהען פלעג איך שטענדיק הערן דעם רינג־רונג פון אויפשליסן און צושליסן די טיר, דער־נאָך אייניקע טריט, און ווידער שטיל.

מיט דער פרוי פלעג איך זיך באַגעגענען אינעם טרעפּ־קאָ־רידאָר. ביידע פלעגן מיר וואַרטן — דער צווייטער זאָל באַ־גריסן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זײַן די פרוי, וועל־כע וווינט איבער מיר. — אַזוי איז אַוועק אַ לענגערע צײַט.

איין מאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, האָט מיך די פרוי פאַרהאַלטן האַרט בײַם אַרײַנגאַנג אין צימער.

— שוין לאַנג געוואָלט איך באַקענען, — האָט זי נישט דרײַסט צו מיר געזאָגט, — געהערט, אַז אויך איר זענט פון פוילן. איבעריקנס, מיר קענען זיך שוין פון לאַנג, — פון זען...

נישט אָן נײַגער האָב איך די פרוי אַרײַנגעבעטן אין צימער.

אָקערשט האָב איך באַמערקט אויף איר האַנט אַן אויסגעטאַ־טוּירטן נומער. גערעדט האָט זי צו מיר פּויליש, אָבער מיט אַן אייגנאַרטיקן אַקצענט. איך האָב צו איר גערעדט ייִדיש און זי האָט מיר געענטפערט אין אַ זייער װוּנדערלעכן װערטער־צונויפלייג.

— װי איך זע, האָב איך אײַך געבראַכט אין אַ פאַרלעגנ־הייט — און זי האָט זיך דערבײַ האַרציק צעלאַכט. — איך לייען אײַער מחשבה, איר טראַכט אין װעלכער נאָך שפּראַך צו מיר צו רעדן...

מײַן שװײַגן האָט באַשטעטיקט איר סברה.

— איך בין נישט קיין פּױלישע קריסטין, אויך נישט קיין ייִדישקע. אויב דאָס װעט אײַך נישט איבעריק שאָקירן און נישט דערשטוינען — איך בין אַ ציגײַנערין, — אַ ציגײַנערין פון פּױלן. — בײַ די װערטער האָט זי פריִער אָפּגעאָטעמט, איר האַלטונג איז געװאָרן געמיטלעכער, איר געזיכט האָט באַקומען פאַרב, אויפגעלעבט, װי בײַ איינער װאָס װאַרפט אַראָפּ פון זיך אַ שװערע לאַסט.

ס׳איז נישט שװער געװען צו דערקענען אויף מיר די אי־בעררעשונג, — צום ערשטן מאָל אין דער נאָענט מיט אַ צי־גײַנערין.

— שרעקט איר זיך נישט פאַר ציגײַנער?

— זע איך אויס אַזוי איבערגעשראָקן?

— נישט שאָקירט, נישט איבערגעשראָקן. פאַרקערט, איך בין נאָר אָנגענעם איבעררעשט פון אונדזער באַגעגעניש, — האָב איך געענטפערט. — װען איר זאָלט װיסן װיפל אָנגע־נעמע דערינערונגען עס װאַכן בײַ מיר אויף אין דעם מאָ־מענט אין מײַן זכּרון, נאָך פון דער װײַטער קינדהייט...

צו אונדז אין שטעטל פלעגן זומערצײַט קומען צו פאָרן

גאַנצע ציגײַנער־טאַבאָרן. אויף די פרײַע לאַנען פון הינטער־שטאָט פלעגן זיי אויפשטעלן זייערע געצעלטן און בוידן. וויפל פרייד האָט דאָס אונדז, קינדער, פאַרשאַפט. אַ געיעג, אַ וויר־וואַר, די ציגײַנער אין זייערע בונט־קאָליריקע קליידער, די ציגײַנערינס באַהאַנגען מיט פאַנטאַסטישע לענטעס; זילבער, מעש, קופערנע מטבעות און קרעלן האָבן באַצירט זייערע בגדים, גרויסע אויערינגען אין די אויערן, מיט שאַלן און טערקישע פלעטן פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען. זיי האָבן געררייכערט פאַפיראָסן און געשמעקט טאַביק. אָבער די עיקר־אַטראַקציע איז געווען, — דאָס וורוזשען (טרעפן) פון די הענט.

אַרום די צעצונדענע פײַערן פלעגן זיצן האַלב־נאַקעטע קינדער און אַלטע ציגײַנער מיט געדיכטע בערד און אײַנגע־קאַרבטע געזיכטער, מיט לאַנגע ציבעק־לולקעס אין מויל און האָבן בײַם שײַן פון די פײַערן אויסגעזען ווי פון בראָנדז אויסגעהאַמערטע. אויף זייערע קורצע, דיקע פינ־גער זענען געזעסן סיגנעט־רינגען. מיט באַוווּנדערונג פלעגן מיר קוקן ווי פלינק די ציגײַנער פלעגן וואַרפן זייערע גרינע סאַמעט־קאַפעליושן אין דער לופט און קונציק זיי כאַפּן מיטן מויל. דאָס אַלץ איז געווען באַגלייט מיט טומל, געפילדער, אַ קנאַלערײַ פון בײַטשן, אַ הירזשערײַ פון אויסגעשפּאַנטע פערד. וויפל נײַגער דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן און וויפל שיינקייט דאָס האָט פאַרמאָגט! מיר, קינדער, פלעגן לויפן מקבל־פּנים זײַן זייער אָנקום און באַגלייטן זייער טאַבאָר בײַם אָפּפאָר, טראָץ די וואָרענונגען פון די מאַמעס אַז: „ציגײַנער כאַפּן קינדער מיטן בליק”.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך בײַגעווױנט אין וואַרשע, אויף אַ פרײַעם פעלד, אין דער געגנט פון „אָקענ־

טשע״, די קרוינונג פון אַ ציגײַנער־קעניג. זעקס און דרײַסיק ציגײַנער־סענאַטאָרן, געקומענע פון דער גאָרער וועלט, אָנגעטאָן אין טאָגעס פון פעלן, האָבן אויסגעווײלט אײנעם פון דער מיוחתדיקער ציגײַנער־משפחה, — קוויק האָט ער געהייסן, — ווי דעם קעניג. פון אַ גרויסן קרוג האָט דער אויסגעווײלטער קעניג אָנגעגאָסן ווײַן פאַר אַלעמען. פאַר־ווײַלונג, פרײלעכקייט, טענץ, מוזיק האָט באַגלייט די צערע־מאָניע, עס האָט אויך געזונגען די באַרימטע ציגײַנער־זינ־גערין די „שוואַרצע לאָלאַ״. דערנאָך, אין די שפּעטע שעהען פון דער זומערנאַכטיקער שטילקייט האָבן זיך פונאַנדער־געלאָזט די ספּאַנטאַנע טריבן פון ציגײַנערישן ווילדן שטייגער. פײַערן האָבן געפלאַקערט, דאָס האָלץ האָט געטרעשטשעט, שוואַרצע זײַלן רויך זענען אויפגעגאַנגען, ריחות פון גע־ברענטן פלייש, געבראָטענע קאַרטאָפל האָבן מחיהדיק אָנגע־פילט די לופט. נאַכטבלויע ראָמאַנטיק האָט זיך אויסגע־שפּרייט איבער די ווײַטן פון האָריזאָנט, און איבער אַלץ — אַ לויטער אויסגעשטערנטער הימל. אַלץ, ווי עס וואָלט כולו געהערט צו זיי, — צום ציגײַנערישן פרײַעם שבט.

זי איז געווען גערירט פון מײַנע רייד, אַ נחת־רוחדיקע שלווה איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר געזיכט. זי האָט מיר געקוקט גלײַך אין די אויגן, ווי זי וואָלט מיך געבעטן: „דער־צייל, דערצייל ווײַטער וועגן עבר פון מײַן שטאַם״. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און מיט אַ טרויעריקער צערטלעכקייט האָט זי איבערגעחזרט אײנצלנע ווערטער מײַנע:

— „ציגײַנער, ווילדער שטייגער, נאַכטבלויע ראָמאַנטיק״... פאַר אײַך מיינט ציגײַנער — פאַרווײַלונגס־לוסט, ווילדער קאַראַהאַד, אָפּערעטן־אַריעס, ראָמאַנטישע אַוואַנטורע, קינ־דער פאַרכאַפּן; פאַר אונדז אָבער — וואַנדער, נע ונד, ווו

געטאָגט, נישט געגעכטיקט... מיר האָבןווירקלעך ליב געהאַט דאָס הפקר־לעבן, בירגערס פון קיינעמס לאַנד. איך אַליין בין געבוירן געוואָרן אין אַ בויד, אויפן וועג פון סלאָוואַקיי קיין פוילן.

טריב האָבן געפלאַמט אירע גרויסע, שוואַרצאַפּלען פון די אויגן, אַ קילער גלאַנץ האָט באַדעקט איר פּאַרטראַכט געזיכט און אומרויִק האָבן זיך באַוויגן אירע שמאָלע קערפּערטיילן.

— נישט פאַרבליבן קיינער, ווער ס'זאָל „קינדער כאַפּן”, אַלע מיטן רויך אַוועק!

— יאָ, — האָט זי מיט אַ בײַסיקער איראָניע צוגעגעבן — די אַפּערעטעס, ראָמאַנטישע געשיכטעס, זענען פאַרבליבן, אָבער אָן די ציגײַנער?... צער און פאַרדראָס האָט באַגלייט יעדעס וואָרט אירס.

— איך הער אײַך...

— מאַרינאַ רופט מען מיך.

— די מלחמה האָט אונדזער משפּחה פאַרכאַפּט הינטער לובלין. די דײַטשן האָבן אָפּגעטיילט די מענער פון די פרויען. מײַן פאָטער האָט זיך קעגנגעשטעלט, האָט אים אַ שוואַרץ מונדירטער אָפיציר געכאַפּט בײַ די האָר און געקלאַפּט זײַן קאָפּ אין די רעדער פון וואָגן און דערנאָך אַוועקגע־שלײַדערט זײַנע פאַרבלוטיקטע ווײַסע הענטשקעס און גע־שריגן: „פאַרפלוכטעס ציגײַנער־בלוט”. מײַן מוטער, צוויי יִינגערע שוועסטער און מיך האָט מען פאַרשיקט אין אַ ציגײַ־נער־לאַגער. די ערשטע צום פאַרניכטן זענען געווען די ציגײַנער. שטייענדיק שוין בײַם אַרײַנגאַנג אין גאַזקאַמער האָב איך שוין מער נישט געפילט קיין פּחד. אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט דער גורל זיך אַ שפּיל געטאָן מיט מיר. עמע־

צער פון דער וואָך האָט אויסגערופן: „האַלט, — נישטאָ קיין פּלאַץ מער, — וואַרטן״! אין יענעם מאָמענט האָב איך מײַן גורל געוואָרפן אויף דער לעצטער קאָרט, — כ׳בין שנעל פאַרשווונדן פון דעם אָרט. דרײַ טעג בין איך געווען פאַרשטעקט אין אַ קוימען פון אַ פאַרלאָזט הויז. זיי האָבן מיך דערנאָך געפונען. כ׳האָב זיך געמאָלדן ווי אַ יידישקע. פון פון דאַן אָן האָב איך געוואַנדערט פון לאַגער צו לאַגער, זיך באַפרײַנדעט מיט אַ ייִדיש מיידל און צוזאַמען דורכגעמאַכט דעם וועג ביז טערעזענשטאַדט. דאָס איז די קורצע געשיכטע פון מײַן לאַנגן וועג...

*

— אויב ס׳וועט פאַר אײַך נישט זײַן קיין אומכבוד, פאַרבעט איך אײַך אויף מײַנעם אָן אויפטריט אין „ווראַניקאַ״, נישט ווײַט פון דאַנעו, — האָט זיך מאַרינאַ צו מיר געוואַנדן.

אַ געמיש פון אַ טאַנצזאַל און אַ קאַבאַרעט איז געווען „ווראַניקאַ״. נישט גרויס, אָבער אינטים.

נאָך די געשמאַקלאָזע ביליקע אַרויסטריטן פון די פאַרווײַלערס און זינגערס איז אויף דער קליינער עסטראַדע דערשינען זי, מאַרינאַ. געקליידט איז זי געווען אין אַ רוישיקן בליכטערפולן ציגײַנער־טראַכט. אין זאַל איז געוואָרן שטיל. איך בין געוואָרן איבערראַשט פון איר קולטיווירטער קערפּלעכער גראַציע, יוגנטלער פלינקער באַוועגלעכקייט, פון איר ציגײַנערישער לײַדנשאַפט, האַרמאָניש צום טעמפּ פון דער מוזיק. מיט יעדער באַוועגונג איז געשטיגן דער ריטמישער טופעט צום טאַנץ: כאַראַקטער־טענץ, מאָטיוון פון ראָמאַנטישער אַוואַנטורע, ליבע, וואַנדער, און אַלץ איז געווען באַהויכט מיט אַ מין נאָסטאַלגישער וואַרעמקייט. אויך

אין שפּאַנישע און אין פּוילישע מאַטיוון האָט זי זיך אויסגע־צייכנט.

אויפן וועג אַהיים האָט פּאַרדראָס און טרערן געשטיקט איר יעדעס וואָרט:

— ווי נאָר איך פּאַרלאָז די עסטראַדע, קערן זיך אַלע אָפּ פון מיר, מײַדן אויס מיט מיר צו רעדן, אויסער פּאַראַכטונג און פײַנטלעכע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון דער ציגײַ־נערין, — גאָרנישט מער...

מיר איז ליב געוואָרן דאָס קאָנטראַסטפולע, אימפּולסיווע אין דער נאַטור פון אירע לײַדנשאַפטן. ווי אַ הייסע לאַווע פלעגן אירע אימפּולסיווע רעאַקציעס מאָמענטנווײַז פאַרגיסן איר געמיט. גענוג אָבער געווען אַ נישט־פאַרזיכטיקער רמז, אַן אָנדײַט, אַז זי זאָל אין דעם פילן אַ גרינגשעצונג צו איר שטאַם. געווען אין איר אפשר מער לײַדן ווי צאָרן, וואָס האָט אַזוי אויסדריקספול זיך געלאָזט מערקן אויף איר סוב־טעלן געזיכט.

— כ׳האָב געפילט — פלעגט זי זאָגן — גלײַך דעם ערשטן טאָג נאָך דער באַפרײַונג, אַן ענדלאָזע איינזאַמקייט. אַן איבעריקע, אויסערן תחום, פאַרבליבן אין מיר איז איינציק דער אָפּהילך פון דעם לעצטן נישט־אויסגעזונגענעם ציגײַ־נערישן אומעט...

ערשט איצט איז אין איר פאָרגעקומען דער זעלישער שאָק. ווי פון הינערפלעט אויפגעוואַכט, איז דערגאַנגען צו איר באַוווסטזײַן דער שאָדן־ווײ, דער פּאַרלוסט פון ווערט, די היים, — די וואַנדער־פרײַע בויד. זי האָט דערפילט דעם עול פון גורל, וועלכער באַלאַסטעט זי, אויסצופירן די דורך קיינעם נישט געשריבענע צוואה, — אַ צוואה פון אַ שטום פאָלק.

אין דער אויסערלעכקייט אירער איז געווען דער חותם פון דורכגעמאַכטן גיהנום: אַ געלײַטערטע דורך פּײַן. ווי אין העלעפאַנדביין געשניצט האָט זיך געצייכנט דער פּראָפיל פון איר געשטאַלט. די ווײַסע הויט פון איר כאַראַקטערפולן געזיכט איז געווען ווי מיט טונקעלע שטויבעלעך באַשאָטן. אירע דראָבנע ציין האָבן פאַרמאָגט אַ פּערל־זילבער־אָפּגלאַנץ. מיט וויפל לײַדנשאַפט האָבן געמאָנט אירע ערלעכע, גוט־מוטיקע אויגן. פלעגט טאָקע אַן אַנגענעמער אומרו באַהערשן מײַנע שפּירונגען, אַ שפּיזלדיקער ברי פלעגט אַדורכריזלען מײַן הויט, ווען כ׳פלעג אין דער נאַכט דערהערן ווי מאַרינאַ שליסט אויף און שליסט צו איר טיר. ווי אַן אינטימען סוד זאָל עמעצער האָבן אײַנגערוימט אין מײַנע אויערן: — איך בין געקומען...

אינערלעכע פרייד פון צופרידנקייט האָט אין איר געקוואָלן, ווען כ׳האָב איין מאָל זי פאַרבעטן צו גיין מיט מיר זען דעם אַלטן סאָוועטישן פילם „דער לעצטער טאַבאָר". פון דאָס נײַ האָבן אין איר אויפגעלעבט די דערינערונגען פון איר איבערגעריסענער און אויסגעריסענער פאַרגאַנגענהייט.

— דער לעצטער טאַבאָר, האָט זי געפּליסטערט, איז מער נישטאָ. נאָר איך בין געבליבן...

— דעם אַלטן ציגײַנער, וועלכן איר האָט געזען, האָט געשפּילט אַ ייִדישער שוישפּילער — אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

— נאָר ייִדן, האָט מאַרינאַ אונטערגעכאַפּט, קענען פילן די נשמה פון מײַן פאָלק. גערן וואָלט איך זיך צוריקגעקערט אַהין צו, צו די געצעלטן, גרינע לאָנען, — קיין פוילן. עס בענקט זיך אַהין צו. עס ציט, עס רופט דער טאַבאָר פון מײַן קינדהייט...

*

איך האָב דערקענט, אַז מאַרינאַ איז אין נישט קיין גוטער שטימונג. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט זי נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. אויך איר אויסערלעכקייט איז דאָס מאָל געווען אָפּגעלאָזן. אַ בלוט־ראָזלעכער גלאַנץ האָט באַפּײַכט די ווײַסל פון אירע אויגן.

— וואָס איז געשען? — האָב איך פּאָרזיכטיק געפרעגט. אירע געשלאָסענע ליפּן האָבן קוים אַרויסגעשטאַמלט:

דער לייטער פונעם לאָקאַל האָט מיך געשטעלט פאַר אַ ברירה: אָדער פאַרשטעלן דעם אויסגעטאַטויִרטן נומער אויף מײַן האַנט, אָדער מער נישט אַרויסטרעטן. דער נומער, האָט ער געזאָגט, שאָקירט די באַזוכערס, זיי מיינען, אַז איך בין אַ ייִדישע „העפטלינג״. גלײַך אויפן אָרט האָב איך אָפּגעזאָגט נאָכצוקומען זײַן פאָדערונג. זיי האָבן דעם שאַנדצייכן אײַנגעבלוטיקט אין מײַן גוף און איצט קענען זיי אים נישט פאַרטראָגן. איצט ווילן זיי אַז איך זאָל אָפּווישן דעם בלוט־סימן, מיט וועלכן זיי האָבן פאַרוווּנדעט מײַן נשמה, געשענדט דעם שבט אונדזערן!

— ניין, ניין! — האָבן אירע ווערטער ווי מיט מעסערשאַרף געשניטן, געצוימטער צאָרן האָט געבריט אירע דינע, בלאַסע ליפּן. אָבער נאָך אַ ווײַלע האָט זיך דער נקמה־דאָרשט מיד געלאָשן און אין אירע בליקן איז פאַרבליבן מיטלייד, — אַ מיטלייד צו זיך אַליין.

— לענגער וועל איך דאָ נישט פאַרבלײַבן. אויב נישט קיין פּוילן, צוריק צום אַלטן היים־לאַנד, — פאַר איך קיין פראַנקרײַך, אפשר איז דאָרט ריינער די לופט?

אין צימער האָבן זיך די לעצטע שפּורן פונעם טאָגליכט צערונען. פאַרנאַכטיקער נעפּל האָט אײַנגעהילט איר לײַכט געבויגענע געשטאַלט און גרינער שאָטן האָט געטיפט אויף

איר סובטעלן גערזיכט. די לעצטע שײַנרעפּלעקסן זענען געפאַלן אויף אירע יוגנטלעכע ברוסטשפּיצן, וואָס האָבן ווי צוויי באַרנעס אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער דער מעש־קאָלירקער, גלאַנציקער סאַטין־בלוזע.

*

אַ פּאַרוואָלקנטער, ווי מיט גרויע שמאַטעס באַלייגטער הימל האָט אונדז ביידן באַגלייט צו דער מינכענער באַן־סטאַנציע. די לופט איז געווען געפּרעסט, מיט רויך אָנגעפּולט. כ׳האָב נישט געוואָלט איבעררײַסן דאָס שטילשווײַגן, כּדי נישט צו רייצן איר אָנגעוווייטיקט געמיט.

ערשט ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער באַן, פאַרן אַרײַנגיין אין וואַגאָן, זענען קוים צו מיר דערגאַנגען אירע געציילטע ווערטער:

— איר האָט זיך צו מיר באַצויגן נישט ווי צו אַ ציגײַ־נערין...

— האַלט איר נישט, מאַרינאַ, אַז אײַער באַמערקונג קען וויי טאָן?

— זײַט מוחל, כ׳האָב געשפּאַסט.

*

פונעם אָפּפאָרנדיקן צוג האָט פון ווײַטן אַ ווײַס טיכל געפלאַטערט אין איר האַנט. איך בין געשטאַנען ביז וואַנען דער לעצטער ווײַסער פּונקט איז פאַרשוואונדן.

נישט געקענט אײַנשלאָפן יענע נאַכט. כ׳האָב זיך אײַנגע־הערט, אָבער טויב איז געווען אינעם צימער איבער מיר. ס׳האָט זיך מער נישט געהערט דאָס אויפשליסן און נישט דאָס צושליסן די טיר, און ס׳האָבן זיך נישט געהערט מער מאַרינאַס טריט...

דרײַ חן־פּעפּערלעך

אַרײַנקומענדיק אין דער גאַלעריע האָב איך ווידער גע־
טראָפֿן די פֿרוי, וועלכע האָט פֿונעם ערשטן אויגנבליק
געצויגן אויף זיך מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. זי דערמאָנט מיר
אין עמעצן, און מיר איז נישט קלאָר אין וועמען.

די רוימיקע זאַלן פֿון „לוווּר" האָבן דאָס מאָל אויסגעזען
ווי לויטערער, ציכטיקער, לופֿטיקער ווי שטענדיק און דאָס
האָט דערלויבט צו קאָנצענטרירן די מחשבה, דאָס אויג אויף
די קונסטווערק. אויך די בליקן פֿון „מאָנאַ ליזאַ" האָבן
אויסגעזען פֿרײַלעכער און „ווענוס" האָט אין מרחב באַקומען
מער פּערספּעקטיוו. פּילפֿאַרביק און צאַרט האָבן די שווער
געראַמטע בילדער זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם דינעם גלאַנץ
פֿון פּאַרקעט.

מיט טריט פֿון פּיעטעט, פּאַרטאָן אין געניטעם באַטראַכטן

יעדעס בילד באַזונדער, האָט די פרוי געשפּריַיזט פון איין זאַל אין צווייטן.

אין אַ געוויסן מאָמענט זענען מיר ביידע, ווי אינסטינקטיוו, געבליבן שטיין קעגן אַנאַנדער. מיר האָבן זיך קאָנווענציאָנעל באַגריסט.

די מערקווערדיקע אומבאַקאַנטע איז צוגעקומען נענטער און דרײַסט געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז איר האָט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן, פרעגן, אָדער דערמאָנען איך אײַך וועמען?

— כ׳האָב נישט געוואָגט צו שטערן אײַך, אָפּצוווענדן אײַער אויפמערקזאַמקייט פון באַטראַכטן די ווערק, אָבער איר האָט ווירקלעך געטראָפן. אײַער געזיכט דערמאָנט מיר עמעצן, און כ׳ווייס נישט וועמען...

— אויך דאָס טרעפט. קאָמפּליצירט זענען די פיזיאָנאָמישע אייגנאַרטן פון מענטשלעכן געזיכט. איך, ווי אַ מאָלערין פון פּאָרטרעט, ווייס עס.

— איר האָט רעכט, די פיזיאָנאָמיע איז דער שפּראַכלאָזער, אַנאָנימער דיאַלאָג מיט דער סביבה, — די שטומע דראַמע אין מענטש. כ׳בין נישט זיכער, אַז מײַן זכּרון פירט מיך אויף פאַלשע שפּורן. מיך פאַרפאָלגט, פּײַניקט ממש אַן אומקלאָרער געפיל־פּלאָנטער. ווען איך זע אײַך, טויכן אויף אין מײַן דערמאָנונג געזיכטער, סיטואַציעס, שטי־מונגען, וועלכע פירן מײַן דמיון ביז מײַן קינדהייט. מאָמענ־טנווײַז דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט, אָט און איך בין אויף די שפּורן פון דערמאָנונג, און ווידער רײַסט זיך איבער דער פאָדעם.

— הגם מען זאָגט, — האָט זי שמייכלענדיק צוגעגעבן, —

אַז אַלע פּאָפּולערע פּנימער דערמאָנען עמעצן, איז דאָך פּאַר מיר אינטערעסאַנט, וועלכע שטריכן אין מײַן געזיכט „פּאַר־פּאָלגן" אײַער דמיון?

— פּאַראַן, איר ווייסט אפשר, אַ טעאָריע וואָס שייך דעם פּאָרטרעט, — דער פיזיאָנאָמישער אייגנאַרט — אַז אין די „מוילווינקלען קאָנצענטרירט זיך דאָס זינלעכע, — דער ווילן; אין די אויגן — די רויקייט פון אינטעלעקט; דער פאַרלאַנג פון די ליפּן ווערט געשטילט, געדעמפּט דורך דער אויסשטראַ־לונג פון די בליקן". ענלעכקייט צו עמעצן רופן בײַ מיר אַרויס גראָד באַשטימטע סימנים, דעטאַלן אין אײַער געזיכט: די דרײַ רויטע פּעפּערלעך, אַזוי רעגלמעסיק איינער אונטער דעם צווייטן, לעבן אײַער מוילווינקל.

— דאָס אַלץ וואָס האָט אײַך פאַראינטערעסירט אין מײַן געזיכט? — האָט זי אין אַ טאָן פון אַנטוישונג צוגעגעבן.

— איך פאַרשטיי אײַך. אָבער אויך אַ קלענסטער דעטאַל קען אַ מאָל באַאומרויִקן, אַנאָנימער נײַגער באַלאַסטעט דאָס געפיל. מיר זענען נישט פּרעמד די סודות פון פּאָרטרעט, — אויטאָביאָגראַפיע אין שטריכן.

מיר האָבן פאַרבראַכט אין אַ גוטער שטימונג, אין שפּאַסיקן וואָרטשפּיל.

מיט אַ געפיל פון קעגנזײַטיקן פאַרשטיין זיך האָבן מיר זיך געזעגנט. אַ געמיש פון צווייפל און זיכערקייט האָט זיך אין מיר פאַרטיפט. אַ פרוי וועלכע כ'האָב קיין מאָל נישט געזען, און פון דעסטוועגן...

*

אָנגענעם באַרוישט פונעם נעכטיקן געשפּרעך, באַאײַנ־דרוקט פון איר אינטעליגענץ און פאַרוויַלערישן געמיט, האָב

איך אויף צו מאָרגנס זיך געאײַלט צו טרעפֿן מיט איר אין דעם קאַפֿע, נישט ווײַט פֿון האָטעל „ל׳רעפּובליק״, וווּ איך האָב געוווינט.

מײַן נײַע באַקאַנטע איז געקומען פּינקטלעך. זי איז געווען מונטער, די שפּורן פֿון מידקייט אין דער גאַלעריע זענען פֿון איר געזיכט פֿאַרשוווּנדן. זי איז געווען באַשיידן אָבער מיט טעם געקליידט. די גלאַטע, טונקל־בלאָנדע האָר האָבן אײַנגעהילט איר קרעם־ראָזלעך, טיפּיש געזיכט. חנעוודיק האָבן אַרויסגעקוקט לעבן איר שמייכל־גרימאַס די מאַלינע־רויטע דרײַ קערנדלעך, די חן־פֿעפֿערלעך.

— האָט איר נאָך אַלץ נאָכגעטראַכט, געטרוימט אויסצוגעפֿינען וועמען איך דערמאָן אײַך? פֿאַראַן אילוזאָרישע ענלעכקייטן, עפּעס וואָס קומט פֿאָר ענלעך צו זײַן און ס׳איז אַ פֿיקציע. מיר אידענטיפֿיצירן דאָס דמיוניתדיקע, די לײַדנשאַפֿטן און באַגערן פֿון אינטימען פֿילן מיט סיטואַציעס און פּערזאָנען, וועלכע קומען אונדז פֿאָר צו זײַן וואָרהאַפֿטיק.

וועלנדיק אָפּלענקען פֿון דער טעמע האָב איך, ווי נישט הערנדיק, זי אַ פֿרעג געטאָן: זענט איר אַ פּאַריזערין?

— ווי פֿאַלט אײַך דאָס אײַן? אַ פּאַריזערין וואָלט אַלע טאָג אַרומגעשפּרײַזט איבער די גאַלעריעס? איך קום איצט פֿון לאָנדאָן, אַמסטערדאַם, דאָרט שטודירט די גאַלעריע פֿון פֿאַרטרעטן אין דער „נאַציאָנאַל־גאַלעריע״ אין לאָנדאָן און אין דער גאַלעריע פֿון „וואַן גאָג״ אין אַמסטערדאַם. פֿון דאַנען קער איך זיך אום צוריק אַהיים, קיין בראַטיסלאַוואַ.

— בראַטיסלאַוואַ?

— קענט איר די שטאָט?

— ניין. — אַלס קינד בין איך געווען אין יענער געגנט. ווי אומווירקלעך און קאָמיש דאָס זאָל אײַך נישט פֿאָרקומען,

האָב איך פֿאַרגעדענקט אַלע עפּיזאָדן פֿון יענער צײַט. כ׳בין דאַן אַלט געווען 5—6 יאָר.

— גערן װעל איך אײַך הערן, װאָס איר געדענקט, װי אַ קינד, פֿון מײַן היימלאַנד.

— אין ערשטן װעלטקריג האָבן מײַנע עלטערן זיך עוואַ־קוּירט פֿון גאַליציע, דעמאָלטיקע עסטרײַך, קיין אונגאַרן, הײַנט סלאָוואַקיע.

איך דערמאָן זיך די רײַזע־װאָגלענישן איבער שטעט, פּנימער און סיטואַציעס. מיר זענען אָפּגעשטיגן אין מונקאַטש, געגעבטיקט אין באַראַקן אין ניקלסבורג, װײַטער קיין טרענטשין, פּישטשאַן, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שטעטעלע װאָס ליגט בײַם טײַך װאָג, װאָגוהעל — הײַנט נאָווע־מעסטאָ. מיר האָבן געוווינט אין אַ הויז, — געווען דאָרט אַ געשלאָסענער הויף און די װענט זענען געווען מיט ווילדן װײַן באַוואַקסן. דאָס הויז האָט מען גערופֿן דאָס „קוויט״־הויז. —

— פֿאַראַן בײַ אײַך, װי בײַ מיר, אַ גוטער עמאָציאָנעלער זכּרון. — ביטע, איך הער אײַך.

— איבער אונדז האָט געוווינט אַ סלאָוואַקישע פֿאַמיליע, אַ שנײַדער, — קאָוואַטשיק. געווען בײַ זיי אַ קליין מיידעלע, עטוואָס יינגער פֿון מיר, קיטי האָט זי געהייסן.

קעגן איבער אונדזער פֿענצטער איז געווען אַ גרויסער גאָרטן און דערנעבן אַ סאָד מיט װײַסע זיסע פֿלוימען. דער סאָד איז געלעגן אין דער נידער, אַהין צו האָבן געפֿירט טרעפּ. קיטי און איך פֿלעגן זיך אַראָפּגליטשן מיט דער באַריער פֿון די טרעפּ אַראָפּ צו. זי פֿלעגט אַרויף אויפֿן בוים, אָנרײַסן פֿלוימען און זיי אַראָפּגעשיט גלײַך אין מײַן היטל.

דער אייגנטימער פֿון דעם סאָד, — סעניצקי האָט ער

געהייסן, — איז געווען אַן אַלטער בייזער מאַן, פלעגט ער אונדז אַ מאָל כאַפּן בײַם רײַסן די פלוימען — איז געווען ווײַ צו אונדז. איין מאָל זענען מיר אַנטלאָפן, האָט אונדז אַ הונט נאָכגעיאָגט, אַ שוואַרץ־ווײַס געפלעגט הינטל, וואָס האָט געהערט צום בעקער שוואַרץ. קיטי האָט אין אים געוואָרפן אַ שטיין, אָבער מיר האָט ער צעביסן אַ פוס.

— אויך בײַ אונדז אין הויז, — האָט זי מיר איבערגעריסן, — האָבן געוווינט אין יענע יאָרן פּליטים. געווען דאָרט אַ קליין בלאָנד ייִנגעלע. מיר פלעגן צוזאַמען זיך שפּילן. יעדן אינדערפרי איז פאַרן הויז פאַרבײַגעגאַנגען אַן אַלטער מאַן, מיט אַ לאַנגער באָרד. מײַן מוטער פלעגט מיר זאָגן, אַז דאָס איז דער הער ראַבינער.

— וואָס נאָך געדענקט איר? — האָבן אירע ליפּן קוים אויסגעפּליסטערט.

אַן אַנגסטיקע פײַכטקייט האָט גלאַנציק אַרויסגעשלאָגן אויף דער הויט פון איר פּנים, טויט־ווײַס די ליפּן אירע, אַנזעעוודיק האָבן פולסירט די דינע אָדערלעך אויף אירע שלייפן, פיבערהאַפט האָט קאָנוולסירט איר געזיכט.

אין דעם מאָמענט האָט ווי אַ העלע שײַן אויפגעלויכטן אין מײַן דערמאָנונג און באַפרײַט מײַן זכרון פון יענעם נעפּלהאַפטן פײַנלעכן פלאָנטער. עס האָבן פאַר מיר אויפ־געטויכט די בולטע געזיכטשטריכן פון יענעם מיידעלע קיטי. נעבן איר מוילווינקל, — די זעלביקע דרײַ מאַלינע־רויטע פּעפּערלעך, אין דער זעלביקער זײַט, אין דער זעלביקער שורה.

פאַרשטומטע זענען מיר ביידע געבליבן זיצן, אַנגעקוקט איינע דעם צווייטן. טרערן האָבן פאַרגאָסן די ברעגעס פון

אירע װוּעס. לאַנגע מינוטן האָט געדויערט דער שטומער דיאַלאָג.

— צווייפלט איר נאָך, אַז לעבן אײַך זיצט דאָס קליינע מיידעלע קיטי? צערטלעך האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מײַנער. — בעת איר האָט אָנגעהויבן צו דערציילן האָט מיר אונטערגעזאָגט אַ געפיל...

היימיש, אינטים איז געווען בײַם טיש אין ווינקל פון ז׳עם קאַפע. מיך האָט אָנגענעם באַאומרויקט דער סוד פון אומדערוואַרטעטן. ס׳האָט גענאָגט אַ נײַגער. אַלע פעדעם האָבן געפירט צו דער פריִער קינדהייט.

אימפּעטיק שטיפעריש, ווי אין אַ קינדערישן וועט־געיעג, האָבן איינער דעם צווייטן זיך באַמיט איבערצושטײַגן אין דערמאָנען עפּיזאָדן, — קינדערישע שטיק.

בײַ יעדער דערמאָנונג האָבן צופרידן אויפגעשטראַלט פאַרשעמטע בליקן אויף איר צעשמייכלטן געזיכט.

פאַרלאָזנדיק דעם קאַפע איז עפּעס געשען, ווי עס וואָלט זיך איבערגעריסן דער דינער פאָדעם צום קינדערשן עבר. דער קורצווײַליקער דויער פון גליקסרויש איז אין אַ געוויסן מאָמענט פאַרשוווּנדן, צערונען זענען די לעצטע פריידיקע שפורן.

אַ גליוווער פון לאַנגע מינוטן שווײַגן האָט צעשטערט די אינטים צאַפּלדיקע וואַרעמקייט.

די גאַסן זענען געווען רוישיק, פריער האָבן געבלענדט די ליכטער, אַ האַרבסטיקער ווינט האָט געשניטן אין פּנים. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די אילוזיע צוריק צו דער קינדהייט איז פאַרשוווּנדן. אַן איבערראַשנדיקע פרעמדקייט האָט אַ ווייע געטאָן. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל האָב איך זיך אײַנגעבליקט אין איר געזיכט, געזוכט יענע שפורן פון

ענלעכקייט, װעלכע האָבן געװעקט מײַן דערמאָנונג, אָנגענעם באַשעפּטיקט מײַן דמיון, — באַאומרויִקט מײַן געמיט...

אין יענע מינוטן האָט מיר אויסגעװיזן, אַז איר פּנים דערמאָנט מיר מער נישט קיינעם. מערקװערדיק װײַט איז מיר פֿאַרגעקומען דאָס אָקערשט אינטים נאָענטע.

שװײַגנדיק האָב איך זי באַגלייט צו איר האָטעל. — צו פיל אײַנדרוקן אויף איין מאָל, — האָט זי געזאָגט.

שטוינונג, פרייד, צערודערונג, האָבן פֿאַרגאָסן מײַן געמיט אין יענער שלאָפלאָזער נאַכט.

טראָפּנס טוי

עס האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון די לעצטע האַמער־קלעפּ איבער די רעדער, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער באַן וועט אָט־באַלד זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. זיך אַ ריר געטאָן און באַלד זיך געלאָזט אין דער פולער עקספּרעס־שנעלקייט. ס'איז געווען גרויער ערב־טאָג. אַ פּײַכטער נעפּל האָט פאַרווישט די קאָנטורן צווישן פלאַכלאַנד און הימל. פון דער ווײַטנס האָט מען דאָ און דאָרט אַרויסגעמערקט פונעם נעפּל אַרויס דערפער, איינצל־הײַזער אינעם אין־סוף. די באַן האָט געצויגן דורך טונעלן. דאָ לאַנגע, דאָ קורצע, און גלײַך נאָך די טונעלן — האָלץ־באַריערן קעגן ווינטן און שניי־זאַווערוכעס.

די ערטער אין דעם עלעגאַנטן, ווייך גדעקטן קופּע, אויסגעטאַפּעצירט מיט טונקל־רויטער לעדער און די ווענט — מיט געבלומטן פּליוש, האָבן זיך געלייגט שווער אויפן געמיט.

אַלע ערטער זענען געווען באַזעצט, אויסער איינעם, קעגן איבער מיר, בײַם פענצער. ס׳איז געווען לײַכט צו דערקענען, אַז די פּאַסאַזשירן זענען ס׳רוב אַרטיקע, וואָס פאָרן געשעפטלעך פון עדינבורג קיין לאָנדאָן. אייניקע האָבן זיך געמאַכט באַקוועם, ווי בײַ זיך אין דער היים: אויסגעטאָן די קראַוואַטן, צעקנעפּלט די קראַגנס. פונאַנדערגעלייגט צײַטונגען, ביכער.

אין קופּע איז געווען שטיל. שוין צו שטיל. מ׳האָט געקאָנט געוווי הערן דעם ריטמישן טיק־טאַק פון די רעדער. איז געוואָרן לאַנגווײַליק און פריקרע. נאָר האָט אָנגעהויבן דער באַגינען זיך אויסצולײַטערן, די העל־באַגרינטע לאַנען האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווײַזן און ס׳האָט זיך שוין געזען אַ פאַרביקייט פון בלומען, האָט עס ביסלעכווײַז אויפגעהײַטערט דאָס געמיט. נאָך אַ ווײַלע און דורך די וואַגאָן־פענצטער האָבן מחיהדיק אַרײַנגעשפּיזלט די ערשטע זונשטראַלן — האָט אָנגעהויבן ווערן היימלעכער.

אין געוואָרף צווישן לאַנגווײַל און אויפגעמונטערטקייט, האָט זיך מיר געוואָלט טרעפן, ווער וועט זײַן דער לעצטער פּאַסאַזשיר, וואָס וועט אויף איינער פון די סטאַנציעס אַרויף און פאַרנעמען זײַן אָרט מיר אַנטקעגן. פון לאַנגווײַל, פון איינטאָניקן רעדער־געקלאַפּ האָב איך, ווײַזט אויס, אײַנגעדרעמלט און נישט באַמערקט ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַז כ׳האָב זיך איבערגעוועקט, האָב איך קעגן איבער מיר דערזען דעם דערוואַרטן פּאַסאַזשיר, ווי עו״ אָרדנט אײַן זײַן האַנטבאַגאַזש. דאָס איז געווען אַ יונגע, מיטל־וווּקסיקע, בלאָנדע פרוי, מיט אַ רונדלעך ווײַס־ראָזיק געזיכט. איר העל־בלוי קלייד איז געווען געשלאָסן ביזן האַלדז און פאַרענדיקט

מיט אַ שמאָל ווײַס קעלנערל. זי האָט זיך האַסטיק באַוועגט און אויף גיך אײַנגעאָרדנט איר זיצאָרט. כ׳האָב איצט מיט נײַגער זיך צוגעקוקט: דעם הויכן שטערן אירן האָט צוגע־דעקט אַ גלײַך געשוירענע האָרגריווע, וואָס האָט איר גע־גרייכט ביז צו די הויך אויפגעהויבענע ברעמענפּײַלן. האָב איך זיך באַמיט צו זײַן קאָנווענציאָנעל און איר געהאָלפן אײַנ־אָרדענען די זאַכן, פאַר וואָס זי האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט דאַנקבאַרע, פרײַנדלעכע בליקן. נאָר ווײַל דאָס אַלץ איז צו־געגאַנגען גיך, איז שווער געווען צו זען דעם קאָליר פון אירע צעשמייכלטע אויגן. דאָס ניואַנסן־שפּיל פון בלוי און גרין האָט זיך אומאויפהערלעך געביטן.

זיך אַוועקגעזעצט, האָט דאָס פּנים פון דער יונגער פרוי אָנגענומען שלווה. זי האָט מיטן פאַרהאַנג זיך לײַכט פאַר־שטעלט פון דער יונגער זון, אַזוי אַז די שאַרפע פלעקן האָבן באַשאָטנט די טיפן פון אירע אויגן־ווינקלען, אַ שאָטנדיקייט וואָס האָט געגאָסן צאַרטקייט אויף איר באַשיידן פּנים. אירע לאַנגע ווײַסע האָבן געזשמורעט, ראַנגלענדיק זיך מיט דער שײַן פון דער אַרײַנלײַכטנדיקער זון. אַ באַוועג מיטן קאָפּ, און אַ בינטל האָר האָט נאָכלאָזנדיק אַראָפּגעהאָנגען, פאַר־טשעפּענדיק זיך אין אַ ווי̇ע.

איצט האָט זיך לײַכט געלאָזט דערקענען דאָס עבט סלאַ־ווישע אין די שטריכן פון איר פּנים.

כ׳האָב געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן מיט איר אַ שמועס. כ׳האָב אָבער נישט געוווסט אין וואָס פאַר אַ לשון זיך צו איר צו ווענדן, חוץ ענגליש. און ענגליש, לא עלינו, איז אַ ביסל ברוגז מיט מיר... איז ווי רעדט מען דאָס מיט אַזאַ פּאַסאַזשירין אין אַ צעקאַליעטשעט לשון? איז מיר אײַנ־געפאַלן זיך ווענדן צו איר אין דײַטש. כ׳האָב איר דער־

קלערט, האַלב אין שפּאַס, פאַרשטייט זיך: „כ׳האָב די גאַנצע צײַט געהיט אײַער אָרט". „און צום סוף — האָט זי מיר אײַ־בערגעריסן די רייד — זענט איר אײַנגעשלאָפן"... איר גוט אויפגעלייגט געמיט האָט מיר דערלויבט נאָך צו רעדן, צו פּלוידערן. כ׳האָב אָבער באַמערקט, אַז עס רעדט זיך איר נישט אַזוי לײַכט אין דײַטש. פון דעסטוועגן האָב איך זיך נישט אָפּגעשטעלט און זי געפרעגט: „ביז וואַנען פאָרן מיר צו־זאַמען?" — „ביז לאָנדאָן!" „זײַט איר אַן ענגלענדערין צי אַ סקאָטין?" — „נישט דאָס און נישט יענץ".

„ריכטיק, האָב איך געענטפערט, אײַער געזיכט איז עכט סלאַוויש. איר דערמאָנט דעם טיפּ פרויען בײַ טשעכאָוון"... „פאַר וואָס גראָד טשעכאָווס פרויען, פאַר וואָס נישט טאָל־סטאָיס, אָדער גאָר זאָשיאַ בײַ מיצקעוויטשן?" — האָט זי מיר איבערגעריסן. „ניין, מײַן פרײַנד, איך רעד פּויליש, פאַר־שטיי אויך רוסיש און רעד העברעיִש, און איך קום פון יש־ראל. קום איך אײַך פאַר אַזוי מעלאַנכאָליש־טרוימעריש, ווי די פרויען בײַ טשעכאָוון? — אירע פּײַכטע ליפּן האָבן געחנט מיט זייערע עטוואָס פאַרטיפטע מוילווינקלען. די שיטערלעכע, דראָבנע ציין אירע האָבן צוגעגעבן איר אויסזען קינדישקייט.

האָבן מיר גערעדט פּויליש. ייִדיש, זאָגט זי, פאַרשטייט זי ווייניק. די עלטערן אירע שטאַמען פון גאַליציע. בעת דער היטלער־אָקופּאַציע זענען זיי אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, פאַר־וואָרפן געוואָרן אַזש קיין נאָוואָסיבירסק. זי איז געבוירן גע־וואָרן ערגעץ אין אַ וואַלד פון די נאָוואָסיבירסקער געגנטן. בעת זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן איז זי אַלט געווען 5 יאָר. איצט זענען זיי שוין עטלעכע יאָר אין ישראל. בעת זיי זענען געווען אין פּוילן האָבן די עלטערן אירע, כאָטש אַסימילירטע, איר אָנגעזאָגט זיך אויסגעבן אין שול פאַר אַ

ייִדישע. און אַז איין מאָל, בײַם פרימאָרגן־געבעט, האָבן די קריסטלעכע קינדער באַמערקט, אַז זי נעמט נישט אָנטייל אין דער תּפילה, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ ייִדישע. האָבן זיך פאַר איר פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן „אַנדערע" צײַטן...

איר פאַרדריסט, הלמאַי בעת עמעץ וויל איר חנדלען, מאַכן אַ קאָמפּלימענט, זאָגט מען איר, אַ זי זעט אויס ווי אַן עכטע סלאַווין. זי וויל דאָס נישט. — כ'האָב דערפילט, אַז דאָס מאַכט זי מיר איצט אַ פאַרוואָרף. האָב איך איר איבערגע־שלאָגן און געפרעגט: „ווי אַלט זענט איר, אַז איר האָט אַזאַ אוצר עפּיזאָדן צו דערציילן און זיך צו דערמאָנען? — אין מײַנע אויגן, אַ יאָר 22". „נו, כ'בין שוין גראָד עלטער. כ'בין אַלט 27 יאָר, בין אַ חתונה־געהאַטע און האָבן שוין אַפילו אַ קינד". די לאַנגע פינגער פון איר שלאַנקער האַנט האָבן זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף איר שויס, און מיט דער צווייטער באַרירט, ווי נישט־ווילנדיק, דאָס קידושין־רינגל. אויף איר פּנים האָבן זיך געררייטלט פלעמעלער און אַ דין דורכזיכטיק בלוי אָדערל, ווי געזען דורך פאָרצעלאַן, האָט שלענגלענדיק זיך פולסירט אונטער דער דורכזעעוודיקער הויט לעבן מוילווינקל.

זי האָט דערציילט און איך האָב מיט מײַן גאַנץ וועזן גע־הערט. ווייך און שטיל איז געווען דער אויסקלאַנג פון יעדן וואָרט אירן. זי האָט גערעדט מיט אוממיטלבאַרער פּשטות און נאַיִווער האַרציקייט. אירע ברייט צעעפנטע אויגן, בעתן רעדן, זענען געווען לויטער, ווי די טיפן פון אַ קוואַל.

די זון האָט זיך געשטאַרקט, געוואָרן פולער, צעוואַקסענער און באַגאָסן מיט גאָלד איר פּנים. אַ שמעטערלינג האָט גע־קרײַזט אין דער לופט און געוואָרפן אַ שפּילעוודיקן שאָטנ־

פלעק, וואָס איז אַרומגעלאָפן אויף איר קלײנער געשניצטער נאָז. איר האַלדז האָט זיך געמיטלער באַוויגן אויף די רונדן פון אירע שמאָלע אַקסלען.

אומבאַמערקט און אָנגענעם זענען פאַרבײַ די מאָרגן־שעהען. דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו אַ קלײנער סטאַנ־ציע. אין דרויסן איז געפאַלן אַ זומערדיקער רעגן.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט איז זי האַסטיק אויפ־געשפּרונגען פון אָרט און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— „איך לויף אַ ביסל נאַס ווערן, כ'האָב ליב אַזאַ רעגן".

ווען דער צוג האָט געריררט איז זי אימפּעטיק אַרײַן אין קופּע, זיך באַמיט צו באַפרײַען דעם גוף פון די צוגעפּאַלענע נאַסע קלייד־פאַלדן, בעת גראָד פון אָט דער נאַסקייט אַרויס האָבן זיך געצייכנט אין בולטע קאָנטורן די ליניעס פון איר ווײַב־לעכקייט. פון איר נאַסער גריוווע האָבן געפלאָסן טראָפּנס און זיך פאַרהאַלטן אויף דער מאַטער הויט פון איר פּנים. אַזוי — האָב איך אין זיך געטראַכט — קענען אויסזען בלויז רויזן, בעת עס פאַלן אויף זיי קרישטאָלענע טראָפּנס מאָרגנ־טוי.

*

געל־רויטע פּאַסן האָבן געצייכנט דעם ווײַטן האָריזאָנט. אין קופּע האָט אָנגעהויבן גרויען. שאָטנס האָבן זיך צעטאַנצט אויף די פּנימער פון די פּאַרערס. דער צוג האָט פאַרפּאַמע־לעכט זײַן געאײַל. נאָך אַ ביסל און מיר זענען אין לאָנדאָן.

מיר זענען אַרויס אויפן פּעראָן.

אַ האַנטדרוק. אַן אויגנבליק. זיך געזעגנט. „מעג איך פרעגן ווי מ'רופט אײַך, ווי איז אײַער נאָמען?" — „זיכער, אַוודאי מעגט איר וויסן. קודם־כּל בין איך נישט פון אײַער טשע־

כּאָווס פּרויען, אויך נישט זאָשיע, מײַן נאָמען איז אלה. אלה.
— און יעדער פון אונדז איז זיך געגאַנגען זײַן וועג.

לאַנג, לאַנג איז מיר נאָכגעגאַנגען, מיך באַגלייט דאָס אינ־טערעסאַנטע געזיכט, די מילדע בליקן, דאָס פרײידיקע גע־מיט פון אַ יונגער פרוי מיט אַ סלאַווישע פּנים, וואָס איז גע־בוירן בײַ ייִדישע עלטערן, פאַרוואָגלטע אין אַ נאָוואָסיבירסקן וואַלד, זיך אויפגעהאָדעוועט און געלעבט אין פּוילן אין פּו־לער פּוילישקייט, זיך אַרויסגעריסן פון דאָרט און וווינט אין ישׂראל, און הייסט אלה.

פון זעלביקן מחבר:

אירענאַ אייכלער

(קריטישע סטודיע), וואַרשע 1939

פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן

מינכען פאַרלאַג „נייַוועלט", 1948

אמנות ותיאטרון

תל־אביב, הוצאת י. ל. פרץ, 1958

דיוקן ומסכה

תל־אביב, הוצאת מחברות לספרות, 1965

בייַ היימישע שוועלן

תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1976